STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04755

KAYN AMERIKE

Jacob Pat

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04755-4

9780657047559T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

יעקב פאט.

קיין אמעריקע

געשילדערונגען פון די, וואס

= = = וואנדערן. = = =

* *

פערלאג א. גיטלין

ווארשא 1920.

Drukarnia SZ. SIKORA i I. MYLNER Nowolipki 6.

אין דער שטיל.

I.

די ערשטע האָט דאָס מיט שרעק אַ טראַכט געטהון די מאמע:

— אָפשר...

און זי האָט מיט אַ פערקלעמט און צושראָקען געמיטה פער־צעהלט פאַר איהם, פאַר'ן טאַטען:

— איך האָב מורא פאַר גאָלדען, ס'געפעלט מיר עפּעס ניט...

און דער טאַטע האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט מיט דער צו־קודעלט באָרד, מיט דער פאַנאַנדערגעשפּיעלעט האַרץ, אָבגעקראָכען סאַמעט־יאַרמאָלקע און געפרעגט:

— וואָרום וואָס איז?...

און די מאַמע האָט ברייטער פאַנאַדערגעעפענט איהרע פער־מאַטערטע אויגען, ס'האַרץ, דאָס מאַמעס האַרץ, האָט אין זיך געגלי־ווערט און זי האָט קוים אַרויסגערעדט:

— איך האָב מורא, אַז גאָלדע טראָגט...

— וואָס?!... — האָט זיך דאָס מאָדנע אַרויסגעחאַפּט פון טאַ־טענ'ס גוף.

און זיי ביידע, טאַטע און מאַמע, זענען געבליבען זיצען אין טונקעלען קאַמערעל, ניט גערעדט, שלאָפען זיך ניט געלעגט, געזעסען שפּעט, ביז גאָלדע איז געקומען און די טהיר צוגעשלאָסען. געזעהן, גאָלדע האָט זיך לאַנג אין בעטעל ניט געלעגט און גלאַט אויפ'ן וואַנד געקוקט, אָבגעזיפצט און געטראַכט. טאַטע־מאַמע האָט קיין האַרץ און מוטה ניט געהאַט מיט איהר אַ וואָרט צו ריידען, אַפילו זיך אויפהויבען און צוגעהן און דער טאַטע האָט נאָר, ווי צו זיך, גערעדט:

— איך האָב נאָכגעקוקט, דעם לאָדען צוגעמאַכט, געזעהן זיי קושען זיך, ס׳האָט מיר אין האַרצען געשטאָכען, אונזער טאָכטער... אַ הולטיי קען... אַ פושע ישראל... אונגליקליך מאַכען...

נאָר עפּעס ווילט זיך נאָך דעם טאַטען ניט גלויבען אויף זיין טאָכטער און ער האָט זיך אָבגערופען:

— אפשר דוכט זיך דיר... וואָלסט גאָר מיט איהר איבערגערעדט...

— וואָס האָב איך צו ריידען... — האָט די מאַמע זיכער געענטפערט אין לאַנג צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

די מאַמע איז אָבער יאָ אַרויסגעגאַנגען. אויף דער טאָכטער זיך פערקוקט, וואָס איז געזעסען אין אונטער-קליידעל, האַלב אויסגעטהון און די האָר נאָך ניט צעוואָרפען, אויף דאָס שוואַרצע היטעלע מיט די שפּילקעס אויפ׳ן טיש, נעבען טישעל האָט זי זיך געשטעלט און אָבגערופען:

— גוט, אמת, גאָלדע?...

— וואָס איז?... — האָט מאָדנע דערשראָקען גאָלדע געפרעגט.

— איך האָב קיין אויגען ניט?... אַלע אידישע טעכטער זענען אַזוי?... אמת?...

גאָלדע האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, אַ וואָרט אַריינשטעלען, נאָר דאָס מויל איז פערמאַכט געווען. האָט זי אַ סעקונדע די אויגען אויפגעהויבען, אָנגעפלאַמט געווען און געשוויגען עפּעס ניט, ווי אַנ׳אייגען טאָכטער, ניט, ווי גאָלדע.

— וואָס שווייגסטו?... פון שווייגען וועט גאָרניט אַרויסקומען!...

דעמאָלסט איז דער טאַטע, אַ נאַקעטער, אין ווייסען, אַריינגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט ביי׳ם אויווען.

— ס׳דאַרף זיך דאָך די שטוב קעהרען... מען דאַרף דאָך פון דער וועלט געהן... ביי אַנדערע וואָלט מען דאָך אַ טאָכטער גע׳ממית׳ט...

גאָלדע האָט דעם קאָפּ אויפ׳ן טישעל אַראָבגעלאָזען. אין שטוב איז שטיל געווען, שטילער ווי אַלעמאָל, ווי מען וואָלט זיין דורך עמיצען אין עפּעס אַריינגענומען און געפּלעפּט, ווי מען וואָלט מורא האָבען, עמיצער זאָל דאָס פון יענער זייט וואַנד ניט דערהערען.

— וואו בעהאַלט מען זיך פון חרפּה?... — האָט די מאַמע צום טאַטען זיך אָבגערופען און ניט געוואוסט, וואָס צו טהון נאָך, וואָס צו זאָ ען: צי זאָל זי זיך בעזערען, שרייען אויף איהר גאָלדען, וואָס האָט צעהן יאָהר אין פאַבריק געאַרבייט און אַלין אין שטוב אויף חיונה

אַוועקגעגעבן און אַזאַ גוט, אַזאַ טריי קינד געווען און ווען ס'איז ערשט אודאי אַזוי שלעכט, אַזוי שלעכט...

אויפ'ן טישעל האָט טונקעל דאָס קליין לעמפּעל געברענט. דער טאַטע איז אַ נאַקעטער ביי'ם אויוון געשטאַנען און געשוויגען. גאָלדע האָט דעם קאָפּ אין די הענד בעהאַלטען און די מאַמע האָט אויף איהר טאָכטער'ס קאָפּ געקוקט און געזיפצט:

— ווערה איז אונז... ווערה איז אונז...

אַזוי איז די ערשטע נאַכט געווען, אַז מען האָט זיך אין שטוב דערוואוסט.

II.

ישראל איז ניט געווען, ווי גאָלדעס טאַטע האָט געמיינט — ער האָט דריי יאָהר גאָלדען ליעב געהאַט.

— וואָס וועט זיין? — האָט ער אַליין ביי גאָלדען געפרעגט.

— טהו, וואָס דו ווילסט, — האָט איהם גאָלדע געענטפערט.

און ישראל'ען האָט דאָס צורודערט, צעוואָרפען; די אויגען, ווי קראַנקע, זענען אָנגעגליהטע אַרומגעלאָפען איבערן פנים.

אַז ער איז אין אָווענד פון דער אַרבייט געקומען צו גאָלדען אין שטוב אַריין און אין ערשטען חדר דער אַלטער מאַמען געזעהן, האָט ער זיך דערשפּירט אַזוי שולדיג געגען דער אַלטער מאַמען און גלייך אין פנים ניט געקוקט.

און מאָדנע האָט די מאַמע אויף איהם געקוקט. ס'איז אין האַרצען גיפט און גאַל געווען: ער האָט דאָס איהר טאָכטער אומגליקליך געמאַכט... און געשראָקען האָט זיך די מאַמע: ווער ווייסט, אפשר געהט ער גאָר אַוועק, וואַרפט אַוועק און לאָזט גאָלדען איבער אַ מעוברת'ע.

אַז דער טאַטע איז געקומען און געהערט זיין קול פון צווייטען חדר'ל, האָט ער זיך אָבגערופען:

— דער הולטיי האָט נאָך אַ העזה צו קומען... איך וועל איהם די צורה אויספּאַטשען!...

— שטילער אַ ביסעל, וועסט ערגער מאַכען... — האָט די מאַמע שטיל געגערדט און אָהן חשק דעם טאַטען עסען צום טיש דערלאַנגט.

און דאָרט, אין צווייטע צימערעל, עסן זיי ביידע, גאָלדע און

ישראל, געזעסען און ניט ווי פריהער, מיט אַ חדש, מיט צוויי חדשים צוריק, גערעדט.

אין זיך איז אָנגעלאָפען עפּעס אַזוי פיעל וויכטיגעס און ערענסטעס, וואָס שרעקט דאָס האַרץ, מען דאַרף רעדען, ווי גרויסע, גאָר גרויסע מענשען, ווי נאָך אַ חתונה, און מען דאַרף זיך סוד׳ען, מען דאַרף זיך שעפּטשען און אויסבעהאַלטען.

— ווילסט שטעלען אַ חופּה? — פרעגט ביי איהר ישראל.

— ניין... — ענטפערט גאָלדע און ווייסט אַליין ניט, פאַרוואָס זי ענטפערט אַזוי. פאַר׳ן דמיון נאָר טומעלט זיך, ווי זי וועט אויסזעהן אין אַ חדש אַרום, אין צוויי חדשים, מען וועט טייטלען אויף איהר מיט די פינגער, זי וועט זיך דאַרפען אויסבעהאַלטען און פערריקען אין קאַמערעל, און דער טאַטע, און די מאַמע...

— ווייסט וואָס? — רופט זי זיך אָב — מיר׳ן אַוועקפאָהרען, איך וועל וועגען אַלץ שרייבען צו מיין שוועסטער, צו שרה׳לע אין טשיקאַגאָ...

— מיר׳ן פאָהרען... — ענטפערט ער איהר.

און ער דערמאָהנט זיך אָן זיין שטוב, טאַטע-מאַמע, די עלטערע שוועסטער, וואָס ווייסען גאָרניט, ווען מען קען גאָרניט דערצעהלען, ווערט אַזוי שווער אויפ׳ן האַרצען און ער רופט זיך אָב צו איהר.

— ביי אונז אין שטוב וועל איך גאָרניט דערצעהלען... אַזוי, קיינעם אויך ניט...

אויפען עטאַזשערקע ליעגען די פּאָר דינע ביכלעך, וואָס ישראל פלעגט מיט גאָלדען נאָך דער אַרבייט לייענען, נאָר זיי זעגען ערשט איבעריג און ניט וויכטיג. עפּעס גרויסעס רוקט זיך אָן און פערדעקט, פערמאַכט, שטויסט אַראָב, דאָס האַרץ ווערט פערשראָקען און אומעטיג ווערט און ישראל רופט זיך אָן:

— גאָלדע, מיר האָבען דאָך שוין אונזער׳ס אָבגעשפּיעלט, ערשט געהט שוין בּאַרג אַראָב...

גאָלדע פערשטעהט ניט גוט, וואָס ער וויל איהר זאָגען, און ענטפערט אויף דעם:

— מיר׳ן פאָהרען, ישראל?

— מיר׳ן פאָהרען... — ענטפערט ער.

אין חדר, וואו ס׳זיצט טאַטע-מאַמע, וואַרפט זיך טיילמאָל אַרויס אַן אײנציג וואָרט פון דאָרטען, ווי עפּעס פרעמד׳ס וואָלט אַריינפאַלען, וואָס

רודערט דעם געמיטה, וואָס עס ווילט זיך בעשיידען, אויסטייטשען און אונרוהיג איז אויפ'ן נשמה און זיי פערשטעהען ניט, ווייסען ניט, וואָס שעפטשען זיי זיך דאָס דאָרטען ביז שפעט און דער נאַכט...

III.

געלד אויף דער נסיעה האָט ישראל ניט געהאַט — דאָס איז געווען גאָלדעס נדן.

קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז זיי קלויבען זיך.

גאָלדעס מאַמע האָט אין געאַייל איהר טאָכטער'ס אויסשטייער פערענדיגט, נאָר קיינעם קיין וואָרט ניט דערצעהלט, אַיינגעלעגט יעט־ווידעס שטיקעל און געוויינט:

— פאַרוואָס קומט דאָס מיר?... פאַרוואָס קומט דאָס גאָלדען?...

דער טאַטע האָט זיך גאָרניט געמישט: טהוט זיך, וואָס איהר ווילט... די מאַמע איז אָבער אַוועק צום „מאַכער" און אָבגערעדט:

— צווייטע קלאַס וויל איך...

די מאַמע האָט אַפילו ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. נאָר געהערט האָט זי דעריבער און אין האַרצען געטראַכט:

— דאָס איז דאָך מיין נדן... די לעצטע העמד דאַרף מען אַוועקגעבען...

דעם לעצטען טאָג האָט די מאַמע פון יוצא וועגען דערצעהלט פאַר אַ פּאָר שכנים: זאָל מען נישט זאָגען, אַז זיי זענען אַנטלאָפען, אַז זיי זענען נעלם געוואָרען...

און די איגגערע צוויי קינדער, וואָס אין שטוב, האָבען ניט געוואוסט פאַרוואָס פאָהרט דאָס גאָלדע מיט ישראל'ען אין אַמעריקאַ. נאָר ישראל'ען האָבען זיי פאַרוואָס-עפּעס פיינד געהאַט. אָנגעזאָגט האָט מען זיי, מען זאָל ניט דערצעהלען, איז עס פאַר זיי עפּעס מאָדנע געווען און געשטויסען זיך אויף פערשיעדענע השערות...

צוויי קערבלעך זענען שוין איבערגעבונדענע אין שטוב געווען. דער טאַטע האָט זיך מאָדנע אָבגעזעגענט — ניט ווי אַ טאַטע. אַ קאַלטע האַנד זיין אַיידעם געגעבען און צו איהם אויף „דו" גערעדט:

— פאָהר געזונטערהייט און האַלט זי, ווי ס'בעדאַרף צו זיין...

די מאַמע נאָר האָט זיך מיטגעשלעפּט צום באהן, געוויינט ניט

איהר קראַנק און דערשטיקט קול, געקושט זיך מיט דער טאָכטער און געוואָרגען זיך מיט טרעהרען.

— גאָלדעלע, גאָט וועט העלפען, וועסט אַריבער קומען בשלום... נעהם זיך ניט שטאַרק צום האַרצען... גאָלדעלע... גאָט וועט דיר העלפען...

— וויין ניט, מאַמע... — האָט גאָלדע קוים אַרויסגעזאָגט.

— מיין ניט, גאָלדע, אַז מיך טרייבען דיר אַרויס — האָט זיך די מאַמע פערענטפערט — ווילסט — קום, קעהר זיך אום אין שטוב, וועסט זיין ביי אונז...

און מעהר קען שוין די מאַמע ניט ריידען און פלוידערט:

— זאָלסט שרייבען בריעף... זאָלסט שרייבען פון וועג... אַז דו וועסט געלעגען ווערען, מיט מזל, זאָלסטו ניט פערשפעטיגען אָנזאָגען...

אין אַ זייט איז ישראל געשטאַנען. קיינער ווייס ניט, אַז ער פאָהרט ערשט אַוועק; היינט נאָך אין שטוב וועטשערע געגעסען און טאַטע-מאַמע קיין „גוט נאַכט" ניט געזאָגט, וואוהין פאָהרט ער? —

דאָס, וואָס געווען איז ביז איצט, איז צובלאָזען, פערוועהט אויף תמיד. —

גאָלדע וועט אַ קינד האָבען און ס'וועט זיין קינד זיין. זיין אינגעלע, זיין מעדעלע — —

און ער פיהרט דאָס גאָלד'ען אַהין, איבער שבעה ימים, אין מרחקים, אין טשיקאַגאָ, אויף איהר געלד, אויף זיין נדן — —

חוונה געפינען.

I.

גלייך נאָך סכות איז שוין ביי שמעונ׳ען אין שטוב זיכער געוואָרען די זאַך: ער פאָהרט צו איהר ברודער אין אַמעריקאַ.

— איהר אויך? שמעון?...— האָט מען איהם געפרעגט.

ער האָט אויף גיך אַ מאַך געטהון מיט די קלאָרע אויגען, פערדעקט זיי מיט די ברעמען, צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אויסגעריסען פון אינעווייניג און אַ וואָרף געטהון:

— מען דאַרף לעבען...

דער האַמער מיט׳ן צובראָכען הענטעל, דער דורכשלאַנג מיט׳ן העבעל זענען טעג און וואָכען אַריינגעשטעקט אין וואַנד, סטאַרטשען אַרויס און עס ציהט ניט די הענד צו צוריהרען זיך צו דעם.

ווער בויט דאָס היינט אַ הויז? ווער שטעלט אַריין אַ נייעם פענסטער? —

מיט יאָהרען צוריק וואָלט זיך דאָס פאַר׳ן דמיון גאָרניט געלאָזט אויסלעגען. דאָ איז מען אויסגעוואַקסען, איינגעקלעפּט און דאָ איז דאָס לעבען. ערשט אַפּילו — ווי אַזוי נעהמט דאָס אַנ׳איד מיט אַ באָרד, אַ טאַטע פון קינדער און לאָזט זיך, ווי אַ בחור, אַהינצו?

דאָס געסעל איז אַיינגעבאַקען אין האַרצען, דאָס אַלטע ווייס-גע-מויערטע שוהלכעל מיט די הויכע, גאָר קליינע פענסטערלעך, וואָס שטעהט אויפ׳ן בערגעל צוגערוקט צום פעלד, דאָס אייגען דירה׳לע און די שוואַרצע, באָרפיסע פיסעלעך —

אָבער זיצען קען מען ניט.

איז שמעון פערוויקעלט דעם גאַנצען טאָג אין זיין שוואַרצען און אָבגעטראָגענעם פאַלטאָ, די שטיוועל זענען אויסגעדרעהט און מיט בלאָטע פערטריקענט, און דאָס פנים, וואָס איז מיט׳ן באָרד אַרומגעוואָקסען, איז צויאָגט, צושראָקען, און אַז ער שטעהט אויף אין דערפריה צום ערשטען מנין, זיצט ער אויף זיין אַלטער הילצענער בעט, ציהט אָן אויף איין פוס די צוריסענע שקאַרפעטקע פון ביידע זייטען, קוקט אויף זיינע אַרויסגעשטעקטע, שמוציגע פינגער, שאָקעלט פאַמעלעך צו מיט דעם צווייטען נאַקעטען, פערוואָקסענעם פוס:

— ניט גוט... ניט גוט...

ס׳איז דעמאָלסט נאָך סכות געווען, אַז דער בריעף איז פון דאָרטען אַהערצו אַראָבגעקומען. שמעונ׳ען האָט דאָס צורודערט און אַ ציהגעטהון אַהינצו — אָט זענען לייטען געפאָהרען און גאָט האָט געהאָלפען — מען האָט צוזאַמען אַ פאָר מאָל דאָס בריוועל געלייענט. ער האָט ברייטער זיינע אויגען געעפענט און גין-גיך צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אין דער לענג:

ער פאָהרט.

II.

שמעון איז אַריבער צום פאַפיראָסניק׳ס זוהן, וועלכער איז שוין געקומען פון דאָרטען, און יענער האָט איהם דעם חשבון געמאַכט, אַ סך אָנגערעדט און עצות געגעבען. ער ווייס דאָך שוין, ער איז דאָך שוין געווען.

— דאָ מאַך די פאַפירען — האָט ער איהם אַנ׳עצה געגעבען — און אין שטאָדט פאָהר אַראָב מיט ניינציג רובל. פון דאָרט וועט מען דיר שוין אין האַמבורג צום שיף שיקען.

און וועגען די ניינציג רובל האָט זיך אָנגעהויבען אַ טענה ביי שמעונ׳ען אין שטוב. ביידע, מאַן און ווייב, האָבען פלענער געמאַכט, גע׳ישוב׳ט זיך, עצות געזוכט.

ניט גרינג איז צו מאַכען ניינציג רובל. ביידע האָבען זיי מיט די אויגען אומגעבלאָנדזשעט פון שאַפע צום פערענע און צוריק און קיין וואָרט ניט גערעדט.

שמעונ׳ען האָט זיך געמאַכט אַ פאָדלאָגע אינ ערלעגען, ביי לייזער פעשעס אַ וואַנד איבערשטעלען און לאָדענס צום מעהל-שפייכלער צו-

קלאַפּען, איז ער ביים האַלץ געשטאַנען אין אַ טשוואָק אַריינגעהאַקט, מיט זיין בערדעל צוגעשאָקעלט, אין האַנד אָנגעשפּיגען און — דאָס העקעל אַראָבגעלאָזען הענגען. ער איז שוין ניט קיין היעגער, ער איז שוין פון דאָרטען, ס׳איז אַלץ אֵיינס, ווי ער וועט שוין די ברעט אַריינקלאַפּען. ער וועט אויפ׳ן שיף פאָהרען, ער וועט געלד און בריעף צו דער ווייב שיקען.

און אָבעסען פלעגט ער די וועטשערע אַליין ביים טיש, אויפ׳ן ליינוועטענעם ברודנעם טישטוך, און די ווייב פלעגט ביים ציגעלנעם אויוועז זיצען און אַזוי מאָדנע צוקוקען צו איהר מאַן.

און אויפ׳ן סאָפּקע פלעגען די קינדער זיך צונויפקלויבען און זיך דערצעהלען:

— דער טאַטע פאָהרט קיין אַמעריקאַ...

III.

מען האָט שוין פערקויפט די אַלטע פערענע, אונטער וועלכער שמעון איז אָהן הפסק געשלאָפען זומער און ווינטער צוואַנציג יאָהר, מען האָט די פאָר שטיקלעך קופער פון שטוב אַרויסגעטראָגען און אינעווייניג אין שטוב איז געוואָרען צוטראָגענער, פוסטער און צרה׳דיגער. די קינדער האָבען זיך אויסבעהאַלטען און דעם טאַטען אין פנים ניט געקוקט. די מאַמע האָט די אויגען געווישט און געוויינט.

שמעון איז פערנומען געווען, אומגעלאָפען, און אַז ס׳האָט נאָך אַלץ צו די ניינציג רובל אויסגעפעלט, איז שמעון אַריבער צו בערטשע דעם מלוה און איהם דעם אֶמת דערצעהלט: אין אַמעריקאַ פאָהר איך, פופצעהן רובל דאַרף איך, ס׳ווייב וועט אויסצאָהלען כפל כפלים.

בערשטע האָט ניט געהאַט קיין טבע גלייך כאַפּען און געבען: זאָל עס יענעם שווער אָנקומען, לאָז ער וויסען, וואָס געלד איז.

— נאַ דיר, שמעון, דאָס געלד — האָט ער איהם געזאָגט אין אַ פאָר טעג אַרום — זאָל דיין ווייב מיר צאָהלען צו דער צייט, די פאָהרסט אַזש אַהינצו, טאָ „זעץ” מיר ניט אָן.

צוריק אַהיים איז ער ניט געגאַנגען, ווי אַלעמאָל, נאָר געלאָפען. דער איד מיט׳ן באָרד, וואָס האָט צוואַנציג יאָהר היונה אַ שטוב ׳געגעבען, איז געלאָפען און געפרעהט זיך, וואָס ער האָט פופצען רובל אין האַנד.

מען האָט זיך דערוואוסט, אַז שמעון פאָהרט שוין, און מען איז אַראָבגעקומען צו איהם פון אַלע הייזער. ווייבער האָבען איהם פאַטשיילעס פאַר טעכטער געבראַכט און דערוייל זעלדען עצות געגעבען:

— איך האָב מיינע קינדער געטריקענטען ברויט מיטגעגעבען. מען דאַרף אַביסעלע שפּיריטעס... אַ אוגערקע מיטגעבען...

אידען האָבען צו איהם טליתים פאַר איידעמ׳ס געבראַכט און לעפעל דרשה-געשאַנק געשיקט.

— זעהט, שמעון, איהר זאָלט דאָס אָבגעבען און דערצעהלען וועגען אונז.

אין שטוב איז געוואָרען אַ טומעל און הו-האַ, אַז מען האָט איהם אַפילו ניט געלאָזען זיך גוט צוזעגענען מיט די קינדער.

— נאַ דיר, זעלדע, פינף רובל — האָט ער געזאָגט — מעהר האָב איך ניט, זאָל זיין אויף ברויט פאַר דיר מיט די קינדער ביז ווען-וואָט...

זעלדע האָט זיך צוכליפּעט און געווישט די אויגען. די קינדער זענען געשטאַנען, ווי אַנ׳אויפגעיאַגטע און צושראָקענע סטאַדע, געוויינט און עפּעס געבעטען זיך:

— טאַטעלע...

שמעון האָט זיין שבת׳דיגען רעקעל אָנגעטהון, זיין אַלטען און אָבגעקראָכענעם פאַלטאָ אַרויפגעצויגען, געוואָרפען אַ קוק אויף זיין שטיבעל און קינדער, לאַנג געשפּיעלעט-געשפּיעלעט די קנעפּלעך פון בגד, געשטאַמעלט צוריסענע ווערטער, די אויגען זענען פייכט געוואָרען, זיך געקושט און געשטאָכען מיט זיין אַלטער און טונקעלער בערדעל.

— זיי געזונד, זעלדע... זייט געזונד קינדערלעך...

— פאָהר געזונד, טאַטע...

און ער איז אַוועקגעפאָהרען.

IV.

אָבער אַ שלעכטען חשבון האָט איהם דער פּאַפּיראָסניק׳ס זוהן געמאַכט, שמעון איז געקומען אין שטאָדט און ס׳האָט איהם פיער רובל געפעלט, חאָטש נעהם און קלויב אויף נדבות איבער די הייזער.

איז שמעון געבליבען שטעהן צומישט, אָנגעקוקט, גלאַט אַזוי זיין געלד געצעהלט, איבערגעטאַפּט און אָהן טעם אין דערהויך אַרויסגערעדט:

— ניינציג רובל...

און שמעון איז אַרויס אויף דרויסען, געהאַלטען דאָס ווייסע פּעקעלע, וואָס זעלדע האָט אויפגעבונדען —

— וואוהין געהט מען? אפשר צוריק אין שטוב קומען?...

איז פאַרבייגעגאַנגען אַנ׳עלטערער איד, וואָס האָט אַ פּאָר אַלטע שטיוועל געטראָגען אויפ׳ן פּלייצע. האָבען זיי זיך ביידע אַ רגע אָנגעקוקט אין דער שטיל. שמעון האָט אויף יענעמ׳ס שטיוועל געקוקט און יענער — אויף שמעונ׳ס פּעקעלע. געקוקט, ביז יענער האָט אַ וואָרף געטהון:

— איהר פערקויפט עפּעס?

האָט איהם שמעון אָבגעענטפערט:

— יאָ, פיער רובל דאַרף איך...

זענען זיי ביידע אויף אַ פרעמדען הויף אַרויפגעגאַנגען. ער האָט זיין פּעקעל פאַנאַדערגעבונדען און דער עלטערער איד האָט איהם דעם פּאַלטאָ אָבגעשפּיעלעט און געקויפט ביי איהם זיין שבת׳דיגען רעקעל און נייע פאָר הויזען.

שמעון האָט זיך אויפ׳ן הויף אויסגעטהון און דעם רעקעל פון זיך אַוועקגעגעבען. ביידע האָבען זיי דעם מסחר גע׳גמר׳ט און יענער איז אַוועק. שמעונ׳ען איז אָהן רעקעל אונטער׳ן פּאַלטאָ קאַלט געוואָרען. ער האָט אויף זיך אַ קוק געטהון און אַרויסגעזעהן דעם אַלטען יאַק, וואָס זעלדע האָט איהם אויסגעפּעריכט און אויסגעוואַשען און ס׳איז איהם מאָדנע אויפ׳ן האַרצען געוואָרען: אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, איז ער ביי זיי דער שענסטער בעל-מלאכה געווען, געהאַלטען ביים האָבען אַנ׳אייגען שטוב, פאַר חתן בראשית פינף רובל בעצאָהלט, און ערשט? —

האָט ער אויף זיך און זיין פּעקעל אַ קוק געטהון, און אין זיין בערדעל אַריינגעשמייכעלט:

— יעמוד ר׳ שמעון ב״ר דוב בער חתן בראשית...

און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזען אויף יענער זייט וועלט פאַר ווייב און קינדער חיונה געפינען.

צו איהם.

בשעת זי האָט חתונה געהאַט מיט איהם, האָט זי זיך געמוזט מיט טאַטע-מאַמע צוקריגען — זיי איז דער יחוס ניט אָנגעשטאַנען.

זי איז אַפּילו קיין גביר׳יש קינד ניט געווען, נאָר אָבער אַ בעל-הבית׳יש מעדעל, און ער האָט ביים שטעדטעלשען סטאָליאַר געאַרבייט.

אָבער אַ האַלב יאָהר נאָך דער חתונה, אַז ער האָט די שטעדטעל פערוואָרפען און צום שיף זיך אַוועקגעקליבען, ווייל ס׳איז ניט געווען פון וואָס פּרנסה מאַכען, האָבען טאַטע-מאַמע רחמנות געהאַט אויף זייער מעוברת׳ע טאָכטער און זי צו זיך אין שטוב אַריבערגענומען.

די ערשטע צייט, אַז בריעף פלעגען פון איהם גאַנץ אָפט אָנ-קומען, פלעגט איהר טאַטע אַפּילו דעם קאָנווערט ניט עפענען. ער פלעגט דאָס אָבנעהמען ביים אידישען בריעף-טרעגער און עס צוואַר-פען דער טאָכטער:

— שרה׳קע, אַ בריעף פון דיינעטוועגען...

און שרה׳קע פלעגט די בריעף ניט לייענען אָפען, פאַר׳ן טאַטען אין די אויגען, אַליין פלעגט זי זיך אין אַלקערעל אַריינקלייבען און גוט זיינע בריעף אויסלעזען.

די מאַמע נאָר פלעגט זיך ניט איינהאַלטען. פלעגט זי זיך אָב-רופען צו דער טאָכטער, וואָס האָט שוין אַנ׳אייניקעל, אַ קליין מעדעלע, אויפ׳ן האַנד געהאַלטען:

— נו, וואָס שרייבט ער עפּעס דיין מאַן?... הלמאַי שיקט ער דאָס דיר גאָרניט צו?...

און שרה'לע פלעגט עפּעס דאַנקבאַר זיין איהר מאַמען און ענט־פערן מיט אַ הכנעה:

— איך ווייס, פאַרוואָס?...

נאָר אַז עס זענען צום ערשטען מאָל אַריבער אַ וואָכען זעקס און פון איהם איז קיין בריעף ניט געוועזן, שרה'לע האָט ניט געוואוסט, וואָס איבערצוטראַכטען און זי האָט שוין צוויי בריעף געשריבען, דעמאָלסט איז דאָס ערשטע מאָל געוועזן, אַז דער טאַטע איז געקומען פון מעריב און אָנגעזעהן זיין טאָכטער'ס צורה, די פערטרעהרטע אויגען, די בלייכע באַקען און אויסגעדאַרט אויסזעהן, האָט ער זיך אָפּגערופען:

— נאָך אַלץ ניטאָ גאָרניט פון איהם?...

און אַז ער האָט אויף דעם קיין תשובה נישט געקריגען, האָט ער צו זיך אַליין געמאַכט:

— אַליידאַק קען...

און שרה'לע האָט קיין העזה ניט געהאַט אַ וואָרט דעם טאַטען צוזאָגען.

נאָר נאָכדעם איז יאָ אַראָבגעקומען אַ פשוט בריוועל נאָך מיט אַ פּאָר רובל דערצו און קיין שום תירוץ ניט, פאַרוואָס איז אַזוי לאַנג קיין בריעף ניט געוועזן. דער טאַטע איז אָבער אַזוי ווי נייגעריגער געוואָרען, צוגעלאָזענער און ביי זיין טאָכטער נאָכגעפרעגט:

— וואָס שרייבט ער, דיין חיים?...

און אַליין געגנוי זיין בריעף איבערגעלייענט, איבערגעקוקט און אַרומגעשאַצט:

— ס'זענען קאַלטע דבורים...

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז אַזוי לאַנג איז קיין בריעף ניט געקומען. נאָכדעם איז אָבער ערגער געוואָרען — צוויי חדשים איז קיין בריעף ניט געוועזן, קיין גוט וואָרט, קיין גרוס, און אַז ס'איז אָנגעקומען אַ שווער אָנגעשריבען קאַרטעל, איז נאָכדעם שטיל געוואָרען, לאַנג שטיל געוועזן...

און אויפן רעיון קלויבען זיך שווערע און ניט גוטע חשדים: ווער ווייס... ווער ווייס...

אין שטוב האָבען שוין אַלע געוואוסט, אַז חיים שרייבט ווינציג, כמעט גאָרניט.

ס'האָט געקימערט שרה'לעס פערטרויערט געזיכט און געקלעמט

האָט דער מאַמען, הערענדיג דעם אומעטיגען נגון, ווי איהר טאָכטער פערוויעגט דעם אייניקעל.

אין שטוב, הינטער שרה׳לעס פּלייצעס, האָט מען זיך אַרומגעשעפּטשעט און גערעדט ביז ס׳איז אַ הסכמה געוואָרען: שרה׳לע מוז וואָס פריהער צום מאַן פאָהרען, צו איהם.

— זי זאָל, חס ושלום, קיין עגונה ניט בלייבען... — האָט דאָס דער טאַטע פאַר דער מאַמען אויסגעטייטשט.

נאָר פון איהם איז אַראָבגעקומען אַ בריוועל, זי זאָל זיך אין וועג ניט אַריינקלייבען, ווייל ער מיינט געוויס אויף יום טוב אַראָבקומען.

האָט מען דעם קורצען בריוועל געדרעהט אויף אַלע זייטען. יעטווידע האָט איהם אין האַנד איבערגעטאַפּט און אָבגעלעגט, צום סוף איז ער פון טיש אַראָב, נעלם געוואָרען, ווייל שרה׳לע האָט איהם צו זיך צוגענומען און דאָס האַרץ איהר׳ס האָט געוואָלט עפּעס טרעפען, בעשיידען...

דער טאַטע אָבער האָט פון נאָז די ברילען אַראָבגענומען און אַ מאַך געטהון:

— פייגעל, ס׳איז ניט גוט מיט אונזער טאָכטער...

חיים איז ניט אויף דעם יום-טוב געקומען אין ניט אויפ׳ן צווייטען. שכנים האָבען שוין אָנגעהויבען מעשיות צו דערצעהלען, פון זייערע בריעף אַרויסצוזאָגען, נאָר צו שרה׳לען איז דאָס ניט דערגאַנגען.

— זלמן, ס׳איז קיין תּכלית ניט, מען טאָר דאָס אַזוי ניט לאָזען...— האָט די מאַמע אָנגעהויבען טענה׳ן.

און גאָר אָהן שרה׳לעס וויסען איז געוואָרען בעשלאָסען: זי פאָהרט צו איהם...

און אין שטוב האָט מען זיך אָנגעהויבען צו האַרמידערען, אויפקלויבען און גרייטען. שרה׳לע האָט אַלץ געלאָזען טהון, צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און דאָך עפּעס ניט געוואוסט — ווי, וואָס, נאָך וואָס?...

דעם לעצטען טאָג האָט שרה׳לע דאָס קינד צו זיך געטוליעט, אין די נייע שיכעלעך אָנגעטהון, אין האַרצען האָט אַזוי געגאָגט, געקלעמט און זי האָט פערוואונדערט אַרויסגערעדט, ווי ס׳וואָלט אַ חדוש זיין, ווי קיינער וואָלט דאָס ביז איצט ניט היטען:

— ער ווייס דאָך גאָרניט, אַז איך פאָהר...

אָבגעטראָטען.

I.

דאָ אַ הייזעל, דאָרט אַ הייזעל... אַנ׳אַלטער, באַלד איינגעפאַלענער טויער... אַ נידריג פּלאַנקענדעל... אַרומגעצוימט גערטעל... אַ פערגלי-ווערטע אין דער לופטען ברונען-קלאָץ...

שטעהט עס צעוואָרפען, ווי עמיצער וואָלט עס טראָגען און פערליי-רען. דוכט זיך: פערגליווערט איז עס, שטום און אייביג. ס׳קומט נאָר אופ׳ן רעיון אַרויף: מיט יאָהרען, אַ סך יאָהרען פריהער איז דאָ אַנ׳אַלטער טאַטע געווען, אַנ׳אַלטע מאַמע. האָלץ פון וואַלד דאָ געהאַקט. וואַסער פון ברונען געשעפּט...

לאַנג, גאָר לאַנג פריהער.

און די הייזלעך ליעגען אין גרין-נאַקעטען, ברייט-אָפענעם שויס, דערמאָהנען זיך דין, קוים-קוים... שווער גענוי צוגעדענקען.

עס קריכט אַרויס אַ קינד אויף אַ פאָדערשטען גאַניקעל. ווער איז עס? פערבלאָנדזשעט האָט עס, ניט פון דאַנען. מעהר ווי דאָס קינד, איז קיינער ניטאָ... אפשר לעבט עס נאָך פון אַמאָל, פון פריהער, פון אַלטען טאַטען. לעבט און געדענקט אַלץ און ווייסט...

אַרויפצו, נאָכ׳ן שטוב, שטעהט דער ברייטער, אויסגעבויגענער שייער. זיכער איז ער, פעסט און קלאָגט זיך ניט, רוהיג, וואַרימע שפּע איז דאָרט דאָ... אויף דעם אַלטען, מיט מאָך-בעוואַקסענעם פּלאַנ-קענדעל הענגט אַ הילצערנער עמער, אין וועלכען מ׳האָט די קוה גע-מאָלקען... אַ איבערגעקעהרטער טעפּעל, אין וועלכען מ׳האָט מילכיגס געקאָכט...

געהט מען אָב אַ פּאָר צעהנדליג טריט שוין נאָך דער ברייטער

שטוב, שוין נאך דער קליינער לעצטער הייזעל, וועלכע זעהט אויס, ווי א בעטלערקע, א נידעריגע, א צעקנייטשטע אשה, וועלכע שטעהט און קלויבט זיך צו געהן, קלויבט זיך, קלויבט זיך און געהט ניט, און שטעהט... שוין נאכ'ן סוד... זעהט זיך דאמאלסט קיין זאך ניט. פער־לוירען געגאנגען, פערגעסען געווארען, קיינער דערצעהלט ניט.

ניטא, ווייס, הויל, פוסט און גאנץ. טיעף און גארנישט.

ווייזט זיך א מענש פון ישוב, געהט דורך נעבען זיין שטוב, נע־בען זיין גארטען. ער איז א דארטיגער, זיינע איז עס. רעדט ער עפּעס, זאגט א ווארט, מאכט ער דערמיט לעבעדיג א שטיקעל ארט, צאפּעלט עפּעס אויף, רייסט אויף די לופט... שטיקער צעריסענע'ס פאלען אויף דער ערד, ביי די פיס.

ציהט ווער אנ'עמער וואסער פון ברונען, מען מאכט עסען פאר דער קוה, מען רופט די היהנער אריין.

— טיפּ—טיפּ—טיפּ—טיפּ—

א מאמע זעצט זיך אונטער א בוים. א טאטע קעהרט זיך אום פון וועג מיט א פוהר: תבואה געבראכט.

— טפּר... טפּר...

געהט דאס פערדעל אין שטאל אריין, דער טאטע קומט אין שטוב, פערשארט די טולענע היטעל אין דער הויך:

— חיים... חיים-דוד'ס קוה...

א געניער מנין יודען לעבען דא אויפ'ן ישוב. שטיל, טעמפּ און ווארעם, אלץ איז אזוי בעשטימט, אזוי זיכער, אזוי פּשוט און אייגענס. די ווערטער, וועלכע מען רעדט, זענען אזעלכע קורצע, קלארע און בעהאלטען הינטער זיך גארנישט:

— אין מיהל געפיהרט... דאנערשטאג פלייש ברענגען... קאר־טאפעל אין גרוב געשאטען... א נייע בריק געמאכט...

די ווערטער קויקלען זיך ארויס קיילעכדיגע, פולע און גרויע. די אויגען פון פנים קוקען ארויס, ווי זיי וואלטען פערשטעלען לאנגע לאנקעס, ווייסע וועגן, בייטען זאנגען, אנגע'שרפ'עטען זאמד... קוקט מען אויף זיי שטארק, זעהט זיך גארנישט, מעהר ניט ווי גרויע, קליינע פלעקען, און ווייט זענען זיי, און פרעמד, פייכטליך און לעבעדיג...

אונטער די אויגען איז עפּעס פערטעמפּט געווארען, גרויס און טעמפּ, פערגליווערט

צווישען זיך איז דא אויפ'ן ישוב ווארעם, היימיש. רוהיג. ס'ווער

קיינעם ניט קאַלט, ווי מען וואָלט אין אַ מאַמעס בעט שלאָפען, מיט מיט דער מאַמעס קישען, מיט דער מאַמעס פערענע.

פאַר זיך האַלט מען די וואַרימקייט, ניט פאַר׳ן פרעמדען, ניט פאַר קיינעם. קומט דער פרעמדער, שטוינט מען, וואונדערט מען זיך, קוקט מען אויף איהם אַזוי האַרט. נעהמט מען אַ מאַן פאַר דער טאָכ־טער אין שטוב אַריין, אַ ווייב פאַר׳ן זוהן צו זיך, זענען זיי פריהער פרעמדע, האַרטע און קאַלטע פלעקען!

— די שנור... דער איידעם...

ביז זיי וואַרימען זיך איין, טוליען זיך צו און ווערען אייגענס:

— קינדער...

לעבט מען אַליין, פאַר זיך. ס׳איז אַזוי מאָדנע. צו וואָס, צו־ליעב וועמען? אַזאַ בטל׳דיג לעבען. ס׳דוכט זיך: אַזוי ווייט איז די וועלט פון דאַנען, דאָס לעבען, דאָ חזר׳ט זיך עס איבער. שטיל אַזוי גרויס איז די ערד, אַזוי גרויס איז די וועלט.

ס׳ווערט פאַרנאַכטליך, בלייך־דונקעל, ווי עמיצער וואָלט דעם רוים מיט עפּיס פאַרביגעס אויספילען ניט דרייסט, אָט איז ער, יע־נער... דאַוועגט אַנ׳עלטערער טאַטע מנחה, ווערט די תפלה פערצוימט צווישען די הייזלעך, געהט אין ערגעץ ניט אַוועק, בלייבט דאָ, שטעלט זיך אָב. די מאַמע פיהלט, אַז גאָט הערט געוויס און ווייס פון שלעכטס שיצען: קיין בייז אויג, קיין שלעכט מויל, קיין אַלטע גויה, קיין בייע גזרה... דער טאַטע זאָגט זיך אַזוי, דאַוועגט זיך פרעמדע ווערטער. וואוהין געהען זיי? וואו קומען זיי?

געהט אַ ישוב־יוד פון באָהנטען דאָרף, די הויכע שטיוועל זענען פון וועג פערשטויבט — אַרט עס איהם ניט. חאַפּט איהם ריכטיג אָן דער פאַרנאַכט אין וועג, ווען ער איז פון בערגעל אַראָב, שטעלט ער זיך אַוועק אונטער אַ בוים און זאָגט, וואָס ער קאָן אויף אויסעגווע־ניג...

— אשרי יושבי ביתך...

וואָס איז דאָס? — גאָרנישט. אַ תפלה. קאַרג תפלות?

אַלץ איז אַזוי ווייט, אַזוי גרויס, און דאָ איז מען אַ קלייניקער, אַ בטל׳דיגער, אַ פערלאָרענער...

— עלינו לשבח...

ווערט דונקעלער. אַ איינציגע קראָה פליהט דורך אין דער הויך, שוועבט־שוועבט, ניט מאַכענדיג מיט די פליגלען, קיין צאַפּעל, קיין ריהר,

ווי אַ קאַלטע, נאָך אַ סך — וויסענדע זאַך, וואָס זאָגט אָן, פערטרויט און פערשווינדט... דערמאָהנט זי זיך עפּעס, מאַכט גיך-גיך מיט די פליעגלען און זי ווערט ניט. די פּאָר צעהנדליג בעריאָזאָווע הויכע, דאַרע און נאַקעטע בוימער טוליען זיך, ווי זיי וואָלטען זיך שעמען פאַר זייער ווייסער נאַקעטקייט, שטעקען זיי דעם פּנים איינע אין דער צווייטער: ניט שען. זיי זוכען, מיט וואָס זיך צודעקען. אַ לעצטער האָהן צעשרייט זיך און לויפט אַריין אין הויפעל...

דאַווענט ווער מעריב, צינדט מען פייערלעך און מ׳לעשט זיי גלייך אויס. שטיל, רוהיג. ס׳קומט אַ אמת׳ע נאַכט. ווערט אַלץ אויסגעקוילערט, קיילעכדיג, ווי אַ קנויל, און אינוויינינ איז פּוסט.

פערוואָרפען אין אַ ווינקעל ליעגט דער ישוב, די פּאָר הייזלעך. ווער עמיצער דורכגעהן, קאָן ער זיך אָנשטויסען און אומפאַלען. ווער ער זיך אויפהויבען און געהן ווייטער. נור ווער געהט עס אין מיטען דער נאַכט?

דאָ איז אַ טויער אָפען, דאָ אַ פענסטער, פערלאָזט מען זיך אָבער ניט אויף גאָטס השגחה: אַזעלכע שלעכטע זאַכען הערט מען זיך אָן. ווייזט זיך ווער ביים טהיר, ווער ביים פענסטער און מאַכט צו, שליסט צו, פערקלאַפּט.

עפּעס אַנ׳אומעטיגע זאַך צעגיסט זיך אין דער פינסטער, אָהן אַ פאָרם, אָהן אַ געשטאַלט. טיעף-טיעף, רוהיג וויעגט זיך עפּעס אַיין, אין אַ וויעגעלע, פאַמעליך, שטיל — —

ס׳שלאָפט אַיין. נאָר אויפ׳ן פעלד, ניט ווייט פון הויז, קריכט אום אַ פערד מיט געשלאָסענע פיס, און ווער ס׳איז זיצט נעבען איהם, מ׳זאָל איהם ניט אַוועק׳גנב׳נען. אַ רחמנות איז געווען איהם בייטאָג צולאָזען אויפ׳ן פעלד: די פליעגען וואָלטען איהם אכזריות׳דיג צעביסען.

II.

האָט דאָ אויף ישוב מאָטיע מיט זיינע בנים געלעבט. מאָטיעס שטוב איז געשטאַנען ביים אָנפאַנג דאָרף — אַ ברייטע, אויסגעבויגענע און פערברענטע פון דער זון. ניט מאָטיע האָט זי געבויט און ניט מאָטיעס טאַטע: זי איז נאָך געשטאַנען פון זיידענס צייטען. אויפ׳ן ברויסען גאָרטען-הויף איז שטענדיג אַ פערד אומגעגאַנגען, געפּאַשעט

זיך, מיט׳ן עק געפּאַטשט און גראָז פון דר׳ערד געריסען. דער וואָגען איז געשטאַנען מיט אַראָבגעלאָזטע האָליאָבלעס און געבאַקט זיך אויף דער זון, מאָטיע האָט זיך אַרומגעוואָלקעט אָהן אַנ׳אויבער-בגד, מיט די הוילע אַרבּעל פון דער גוי׳שער העמד, די הויזען אַריינגערוקט אין די שווערע שטיוועל, אויפ׳ן וועג אַרויסגעקוקט:

— עה, באַרטאָלאָמיי, וואָס פאָהרסטו?

— שטרוי, מאָטיאַ...

האָט מאָטיע אין דער שטוב מיט דער גרויסער משפּחה געלעבּט. אויסער די פינף מעדלעך, האָט ער דריי זיהן געהאַט: חנה׳קען, ליישקען און בּערלען. פלעגען זיי זיך אַרום טאַטען דרעהען, אין דאָרף מיט שקצים פּערפּאַלען ווערען און פערקראָכען מיט זיי אין גלאָקען-בוידעמיל און צוזאַמען אין גרויסען גלאָק קלינגען. באָרפיסע, מיט הוילע קעפּ און אין טאַטען געראָטען: געלע האָר, קליינע, גרויע אויגעלעך און פלאַטשיגע נעזעלעך...

— טאַטע, טאַטע, וואַצעק׳ס קוה האָט זיך אָבגעקעלבט. און מאָטיעס ווייב, די מאַמע, האָט קאַרטאָפליעס אין מילכיגע קליאָצקעס געקאָכט, די קוה געמאָלקען און אין גאָרטען געפּאַדעט.

אַז די אינגלעך זענען צוגעוואַקסען, איז דער עלטערער חנה׳קע פון טאַטען מאָטיע אַוועק און צום שמיעד אין קוזניע זיך פערקליבען, די פערד ביי די פיס געהאַלטען און צום טאַטען גאָרניט געקומען נעכטיגען. ליישקע און בּערעל זענען אָבער מיט׳ן טאַטען געבּליבען.

פלעגט מען צוזאַמען פאַרטאָג אויפ׳ן פוהר אַרויספאָהרען ווייט צום צווייטען-דריטען דאָרף. דער טאַטע פלעגט אַ זעקעל גערשטען האַנדלען און די בנים פלעגען אויפ׳ן אייגענעם וואָגען אַרויפשלעפּען. בּערלען פלעגט זיך אַמאָל פערגליסטען אַ שפּיצעל אָבטהון: אַ זעקעל פון אַ גוי׳שער פוהר אַראָבשלעפּען. פלעגט עס דער טאַטע מאָטיע זעהן, האָט ער בּערלען געפּאַטשט און זיך געבּייזערט:

— ליידאַק... ממזר!...

אָבער דער זעקעל פלעגט שוין אויפ׳ן וואָגען בּלייבען ליעגען.

אַז די אינגלעך זענען אויסגעוואַקסען, האָבען זיי אַלע דריי חתונה געהאַט: חנה׳קע האָט גענומען דעם שמיעד׳ס טאָכטער און איז אין קוזניע פערבּליבען. ליישקע האָט חתונה געהאַט מיט זיסלען דער פּאַכטערקעס און בּערלען האָט מען גערעדט אַ שדוך און ער האָט גענומען

שרה'קע די שניידערקע פאַר אַ ווייב.

מאָטיע אַליין האָט זיך ביי די שדוכים ווינציג געמישט. איהם איז דער גאַנצער ענין ניט זעהר וויכטיג געווען. דאָס האָט די מאַמע געפיהרט אַזוי. אַז ס'איז אָבער צו די חופות געקומען, האָט זיך מאָטיע שטאַרק משמח געווען, אַ היבש ביסעל בראָנפען אויסגעזופט און מיט די מחותנים זיך געקושט:

— זאָל גאָט געבען... אַ מזל... זאָל זיין נחת...

ביז נאָך די חתונות האָט מען גאָרניט גערעדט, פון וואָס מען וועט חיונה האָבען: מען איז געזעסען אין דער ברייטער, אויסגעבוי־גענער שטוב, נאָר מאָטיע האָט גע'טענה'ט:

— אויס... מען דאַרף זוכען וואָס צום פּאָפּלען...

האָט עס אַזוי לאַנג געדויערט, ביז ביידע בנים, ליישקע און בערעל, האָבען זיך בעזונדערע דירות גענומען און אין פריהמאָרגען זענען אַלע דריי, דער טאַטע מיט די זיהן, אַרויס אויפ'ן וועג און די גוי'שע פוהרען אָבגעשטעלט:

— עה, באַרטאָלאָמיי, וואָס פיהרסטו?...

III.

די בנים האָבען דאָס געשיקטער פאַר מאָטיען געמאַכט: היילכיגער ביי די גוים אויף די הענד געפּאַטשט, זיך אויסגעלערנט פון יאָסעלען, וואָס קומט די פערד אויפקויפען, מעהר מיט דער וואָג קונצען געמאַכט. מאָטיע האָט עס צוגעזעהן, האָט איהם פערדראָסען:

— פון אונטער די הענד כאַפּען זיי...

פלעגט זיך אין איהם עפּעס אָנצינדען און ער פלעגט זיך צובייזערען:

— בערעל, קריך ניט אונטער די פיס...

— ניט דיין עסק, טאַטע, איך וועל ביי יאַשקען קויפען...

די גוים האָבען ניט קלאָר בענומען דעם בעזונדערן האַנדלען פון דעם טאַטען מיט די בנים, און דערצעהלען פלעגען זיי:

— פערקויפט די היי די מאָטיעס...

נאָר אַז זיי פלעגען זיך אַמאָל אַרומשטעלען זאַלבע־דריט אַרום פוהר און יעדערער פלעגט רייסען דעם זעקעל צו זיך, פלעגט דער גוי אָנקוקען אַלע דריי סוחרים און מאַכען:

— איהם פערקויפען... ער איז באַטקאָ...

און ביי זיך אין די הייזער פלעגט זיך יעטווידער אָנדערצעהלען וועגען עולות פון צווייטען, אַ שלעכט וואָרט זאָגען און ס׳איז אַ שטילע שלעכטס געוואָקסען.

ערגער פאַר אַלעמען האָט בערעל געמאַכט. נידעריגער געוואַקסען איז ער געווען פאַר ליישקען און פאַר׳ן טאַטען און שטילער פון זיי. דער טאַטע מיט ליישקען האָבען עפעס אַזוי ווי יד-אחת געמאַכט, און ער האָט זיך אַרומגעדרעהט איבער׳ן דאָרף און ווען ס׳איז אַ קויל שטרוי געקויפט און ביי זיך אויפ׳ן הויפעל אָבגעלעגט.

איז בערעל פערצאָרענט געווען און אַ טעמפע, דאָרפישע שנאָה איז אין זיך געוואַקסען. ער האָט אויפגעהערט צום טאַטען אין שטוב אַריינקומען און מיט ליישק׳ען שמועסען. פלעגט ער אין אַ הייסען טאָג ווייט פון דאָרף אָבגעהן און פרובען פרנסה זוכען. פלעגען זיך דער טאַטע מיט ליישקען אונטערדרוקען, איהם אַוועק׳פטר׳ן און לאַכען פון איהם. פלעגט ער מיט ליידיגע הענד אַראָבקומען און ביי זיך טראַכטען:

— אַ פייער אויף זיי...

עס איז געווען א זומער פאַרנאַכט, און ביידע, סיי דער טאַטע מאָטיע און סיי בערעל, האָבען אַליין ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס איז געוואָרען, נאָר ביידע זענען זיי שוין געווען אָנגעהיצט, געריסען דעם זעקעל איינער פון אַנדערן און פון מויל זענען מיאוס׳ע ווערטער געפלויגען:

— טאַטע אַ נבפה, טאַטע, געה, טרעט אָב!...

— שייגעץ!... הולטיי!... ליידאַק!... — האָט מאָטיע געשריען — צו מיר?... כלב... איכ׳ל דיר... ווייזען!...

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז מאָטיע האָט זיך ניט איינגעהאַלטען און זיין זוהן אַ פאַטש דערלאַנגט. האָט בערעל ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם טהוט זיך, נאָר פערביטערט איז אינווייניג געווען און דער פנים האָט געפלאַמט, האָט ער דעם טאַטען צוריק דערלאַנגט. איז ליישקע אַרויסגעלאָפען און דעם טאַטען געהאָלפען און זאַלבעצווייט האָבען זיי בערלען געשלאָגען.

בערעל האָט דערשפירט, וואָס ער האָט געטהון, האָט ער די הענד אַראָבגעלאָזען און זיך ניט געוועהרט, און זיין ברודער ליישקע האָט איהם שוין גלאַט-אַזוי געשלאָגען.

— דו, פאַסקודניק, דעם טאַטען וועסטו שלאָגען!...

אַלע פון די הייזער זענען זיך אָנגעלאָפען, געלאַכט, חוזק גע-

מאַכט און בערעל איז פּאַמעלעך אַריין צו זיך אין שטוב אַ צובייזטער און פון שטערן האָט בלוט געראָנען ...

IV.

מעהר האָט זיך איהם ניט געוואָלט אויפ׳ן וועג אַרויסגעהן און די גוי׳שע פוהרען אָבשטעלען. פון זיין שטוב האָט ער אַרויסגעקוקט, ווי דער טאַטע מאַמע מיט ליישקען דרעהען זיך פאַר׳ן הויף אַרום און איהם האָט אַהינצו ניט געצויגען.

— איך וועל איהם ווייזען ... — האָט ער נאָר געטראַכט וועגען זיין ברודער ליישקע.

האָט ער זיך טעג אַזוי ארומגעדרעהט אויף גאָרניט, ביז ס׳איז זיין שוואָגער געקומען, דער ווייב׳ס ברודער, און פון זיין קאָפּ האָט דאָס געשטאַמט:

— בערעל, ס׳איז דאָ קיין תכלית ניט, טרעט זיי אָב ... פאָהר אַהינצו, צו מיינע ברידער ... קיין אַמעריקאַ ...

דאָס האָט זיך ביי בערלען אין מח געלעגט:

זאָלען זיי האַנדלען אויפ׳ן וועג, ער וועט דאָרטען געלד פערדיענען ...

אַז ער האָט געהאַלטעןביים קלויבען זיך, האָט פונדעסטוועגען מאָטיע מיט איהם אַ טענה געמאַכט:

— וואָס געוועזען, געוועזען ... שטעל זיך אָב ...

נאָר ליישקע האָט מיט שמחה פאַר זיין ווייב דערצעהלט:

— בערעל פאָהרט דאָך אַוועק ...

און בערעל איז טאַקע אַוועק. דער ברודער נאָר, וואָס אין קוזניע, האָט פון זיין קוזניע אַרויסגעקוקט און געטראַכט:

— אַ רחמנות דעם בערלען.

און דער געוועזענער מבין יודען פון ישוב איז אויף זיין אָרט געבליעבען זיצען, ווי פריהער, נאָר דאָס אָבפאָהרען איז געווען אַזוי אויסטערליש. געשטוינט האָט מען, געוואונדערט זיך און קוים דאָס בענומען.

צו אַ תכלית...

ער איז שוין היבש גרויליך, אפילו ניט לויט די יאָהרען — ער איז נאָך מעהר ווי 45 יאָהר ניט אַלט. דער מלבוש זיינער איז עפּעס בישט צוריסען און ניט לייטיש — ניט פון דער מדינה און ניט פון אַנ׳אַנדערער. דערפאַר האָט ער אַ הויכען, ווייט אַוועקלויפענדען שטערן, וועלכער בעצירט זיין געלבליך געזיכט, וואָס איז מיט אַ גרוי האָר אַרומגעוואַקסען. צווישען זיינע שכנים, אַז מען דערזעהט איהם, רופט מען זיך אָב:

— ער איז שוין געקומען...

און אַז מען הערט איהם אויף צו זעהן, חאַפּט זיך ווער אַרויס:

— משה-יודעל איז שוין אַוועק...

דאָס לעצטע מאָל איז ער געווען אין דער שווייץ, אין זשענעווע ביים בערג, ביי די רעסטאָראַנען; האָט ער דאָרט מיט ציגאַרען געהאַנדעלט.

— הלואי, מיינע קרובים ניט ערגער...— רופט ער זיך אָב וועגען דער דעמאָלסדיגער פּרנסה.

און געקומען איז ער פון דאָרטען צוריק צוליעב אַ אונגעריכטען צופאַל: ס׳האָט זיך איהם געמאַכט צו פערדינען עטליכע און פערציג רובל, אמת, ס׳איז געווען ניט אמת׳ער פערדיענסט.

ער איז געגאַנגען מיט זיינע ציגאַרען און געהערט, ווי צוויי לייט ריידען רוסיש; איז ער דאָך אויך עפּעס אַ „רוסע״, האָט ער זיך אויך און שמועס אַריינגעמישט און זיך פאָרגעשטעלט.

— וואָס טהוט איהר דאָ? — האָט איהם יענער געפרעגט.

-- שלעכט די געשעפטען אין רוסלאַנד, האַנדעלט מען דאָ -- האָט ער זיך אָבגערופען.

יענער האָט ביי איהם אַ פעקעל ציגאַרען געקויפט און איהם געוויזען זיין אַדרעס -- אויב ער וויל, זאָל ער אַריינקומען.

איז ער אַריינגעקומען, און יענער איז דער רוסישער קאָנסול געוועז, האָט ער איהם געזאָגט, אַז אויב ער וויל זיך אַהיים אומקעהרען, וועט ער איהם אָבשיקען אומזיסט.

און משה-יודעל, וואָס ווייס, אַז אַ נסיעה קאָסט געלד, איז ניט ביי־געשטאַנען דעם נסיון דורכצולאָזען אַלץ איינס, ווי פערדיענסט פון עטליכע און פערציג רובל, און ער האָט זיינע ציגאַרען אָבגעלאָזען און זיך געלאָזט קיין בערלין און פון בערלין -- אין רוסלאַנד אַריין.

ער האָט אָבער לכתחלה געוואוסט, אַז ער וועט אין דערהיים ניט אַיינזיצען, און נאָך פאָהרענדיג פון זשענעווע קיין בערלין, האָט ער פערטראַכט וועגען צווייטען מאָל פאָהרען אין אַמעריקאַ.

— פאָהרען וועל איך אין דאַלאַס, וואָס אין טעקסאָס ... — האָט ער פאר מענשען גערעדט.

— וואָס איז, דאָרטען איז פרנסה דאָ? — האָבען איהם נייגעריגע געפרעגט.

— דאָס ווייס איך ניט — האָט ער געענטפערט — נאָר עס געפעלט מיר דער נאָמען: דלות ...

און אַז משה-יודעל האַלט ביים פאָהרען, קימערט ער זיך ווינציג וועגען הוצאות; ערשט ביים באַהן כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט מעהר ניט, ווי אַ צוויי צעהן-רובל'דיגע אין קעשענע. נאָר ער וועט אין מיטען וועג ניט בלייבען -- ער וועט אין דאַלאַס אָנשפּאַרען.

— וואָס דערצעהלט איהר מיר פאַר אַ מעשה — כאַפּט ער זיך אָן — און אַ הייצער אין שיף קען איך ניט זיין? צי דאַרף איך זיך לערנען? איך ווייס אַפילו וואו דער קאָמיטעט וואוינט, נאָר דאָרט פערשמעק איך ניט.

און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט שוין משה-יודעלס ווייב געקריגען צוגעשיקט טאַקע אַ פּאָר דאָלאַר פון דאַלאַס, אָבער דערביי, ווי זיין שטייגער, האָט ער קיין וואָרט נישט געשריבען. מעהר ניט ערב דעם לעצטען פּאַר פסח איז ער אַראָבגעקומען אַ גאַסט אין דערהיים, און דוכט זיך, אין זעלבען מלבוש, וואָס ער איז אין איהם אַוועק־

געפֿאָהרען. פון דאָרטען האָט ער מיט זיך אַ „מאַשינע" מיטגעבראַכֿט— אַ מאַשין, וואָס מאַכֿט קנעפּלעך.

דערוויל איז אָבער פון זיין ווייב גאָרנישט געוואָרען. ער האָט זי שוין ניט דערוויסט, און זי האָט איהם די קינדער געלאָזען ניט אַהער און ניט אַהין.

און דעם לעצטען מאָל, אַז ער האָט זיך געקליבען קיין אַמע-ריקאַ אויף שוין מעהר צוריק ניט קומען און חשבונות פון זיין קאַפּי-טאַל געמאַכֿט, האָט ער פאַר זיך געטראַכֿט:

ס'וואָלט אַ יושר זיין זיך צו אַ תכלית דערשלאָגען...

פטור געוואָרען.

ווען ער איז נאָך אַ קליין יונגעל געווען, האָט איהם דער טאַטע צו אַ שניידער אַוועקגעגעבען. האָט ער ביים טאַטען אין שטוב אויפגעהערט דאָס שטיקעל ברויט צו בעקומען אט דאָס ביים שניידער געהאַט. אין שטוב איז ער נאָר שלאָפען געקומען.

ערשט איז ער שוין אַלט נײַנצעהן יאָהר. אויסגעוואַקסען איז ער אַ פועל ביי אַ שניידער, וואָס פערדיענט אַפילו אַכט רובל אַ וואָך. נאָר אַ שלעכטער זוהן איז ער צום טאַטען געווען; גאָר פון איהם קיין נחת ניט געהאַט.

האָט עפּעס דער טאַטע שלעכט׳ס געטהון, וואָס ער האָט דער צווייטער ווייב, דער גרונטשען גענומען? — ער האָט דאָך וויסט און פוסט די שטוב ניט געקענט לאָזען. מען קומט אין שטוב אַראָב נאָך אַ גאַנצען טאָג אומפּאַדען, וויל מען דאָך אַ ביסעל געקעכטס טועם זיין, און ער איז דאָך ניט שולדיג, וואָס חיענע איז פון דער וועלט אַוועק — ס׳איז דאָך אַ גאָט-זאַך.

מאָדנע זאַכען פלעגען פאָרקומען צווישען דוד׳ן מיט גרונטשען, מיט דער צווייטער ווייב. ער אַליין, דער טאַטע, קריכט אַרום אַ גאַנצען טאָג מיט די טליתים איינגעבונדען אין דער רויטער פאַטשיילקע, קומט אַראָב אין שטוב און וויל זיך אַ ביסעל אָברוהען! ער ווייס פון גאָרניט, נאָר זי, גרונטשע, דערצעהלט זיך דאָס אָן, וואָס פאַר׳ן טאָג איז פערלאָפען, וואָס דוד האָט אויפגעבראַכט, און זי קלאָגט זיך, האָט אַזעלכע פרעטענזיעס צו איהם און תביעות.

דוד האָט די טהיר אויפגעבראָכען און די פּאָר טעלער צובראָכען. איהר האָט ער אַ שטויס אין זייט דערלאַנגט און אַליין צום

שאַפּקע צו און אַרויסגענומען די פּאָר גילדען. די שכנים זענען זיך אויפגעלאָפען, דער הויף איז פול געווען.

— ביזט אַליין שולדיג, האָסט איהם ניט געדאַרפט אַרויסטרייבען, האָסט איהם געדאַרפט לאָזען קומען דאָ שלאָפען — וויל ער זיין צווייטער ווייב זאָגען, נאָר ער וויל מיט איהר ניט אָנהויבען. אַדרבה, ער וויל איהר איבּערבּעטען, ווי ער וואָלט שולדיג זיין, וואָס ער האָט אַזאַ זוהן — זי איז דאָך אַ צווייט ווייב און איגנער פון איהם.

העלפט ער איהר זיך רוגז'נען און כעס'ן אויף דוד'ן און געהט צו דעם קליין קינד, וואָס זי האָט שוין פון איהם געהאַט און וויעגט דאָס צו, און גלעט דאָס מאָדנע.

און דעמאָלסט, אין די אָוועדען, איז אָפטער אויך דוד אין שטוב אַרייגעפאַלען. האָט דער טאַטע צוזאַמען מיט איהר געקריעגט זיך מיט איהם, מיט דוד'ן, געאַמפּערט זיך און געצערענט און ביי דוד'ן פלעגט דער פּנים רויט זיין און די אויגען צאַפּלען זיך און ווערטער פלעגט ער זאָגען אַזעלכע מאוס'ע און חוצפּה'דיגע געגען אַב'-אייגענעם טאַטען און מיט זיך צונעהמען אויף אַ טאָג דאָס איינגסטע שוועסטעריל פון דער אייגענער מאַמען.

און ביי דוד'ן האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט די אַרבּייט. ס'האָט קיין טעם דער פערדיענסט ניט געהאַט. פלעגט ער וואָכען גלאַט — אַזוי אַרומגעהן לעדיג, וואַלגערען זיך פון איין שניידער צום צווייטען, אומגעהן איבּער די גאַסען, און אַז ער האָט געדאַרפט אַ פּאָר גילדען האָבען, פלעגט ער קומען צום טאַטען אין שטוב, אַלץ מיט'ן קאָפּ אַראָב איבּערדרעהען, צונעהמען, צוכאַפּען און צום טאַטען זיך אָבּרופען:

— בעסער וואָלסטו געגאַנגען אין דער ערד אויף דער מאַמעס אָרט!...

אַז דער טאַטע פלעגט זעהן דוד'ן אין גאַס מיט'ן לעדערנעם דאַשעק, דאָס פּנים לאַנג, דאַר און שוואַרץ, מיט לאָבּוס-אויגעלעך, איהם מיט עמיצען פון זיין גלייכען, פלעגט איהם אויסקומען פלא'דיג, וואָס דער איז זיין זוהן. ער פלעגט עפּעס מורא האָבּען און זיך אָבּרוקען אָן אַ זייט, איהם אויסמיידען. פלעגט ער זיך מיט איהם צונויפטרעפען, פלעגט ער איהם אַ האַלבען רובּל, צי דעם לעצטען רובּל אָבּגעבען און זיך אַוועקרוקען. קומען אין שטוב און זיין צושריעדען, וואָס דוד וועט ניט קומען און ער וועט קענען מיט גרונטשען וועטשערע אָבּעסען.

די לעצטע צייט איז דוד אַראָבגעקומען מיט אַ נייער טענה: ער וויל פאָהרען און נעהמען ביים טאַטען אויף דער הוצאה. אייגענטליך איז איהם אַלץ איינס וואוהין צו פאָהרען, נאָר ער ווייס, אַז קיין סך געלד וועט דער טאַטע ניט געבען, וויל ער פאָהרען נאָך פאַריז.

דוד האָט אַליין ניט געוואוסט, פאַרוואָס זאָל ער דאָס פאָהרען און פאַרוואָס ניט בלייבען דאָ. ס'איז איהם מיאוס און מָאוס געוואָרען...

און דער טאַטע האָט צום ערשטען ניט געוואָלט הערען דער-פון — ער וועט איהם קיין געלד ניט געבען. ווי נעהמט מען דאָס און מען וואַרפט אַרויס אַנ'אייגענס מיט געלד אין בלאָטע? — נאָר דוד איז דעריבער אין אַמביציע אַריין און דוקא געוואָלט. ער האָט קולות געמאַכט, צו גרונטשען זיך געכאַפּט שלאָגען, דעם טאַטענס טליתים צו-גענומען — די קלענערע קינדער האָבען פון מורא געוויינט.

שפּעטער האָט זיך דער טאַטע מישב געווען, מיט מענשען אי-בערגעשמועסט און מרוצה געוואָרען.

אין פאַריז וועט ער איהם אָבער ניט שיקען. ער קען אויף שבת צוריק קומען. אָבשיקען וועט ער איהם איינמאָל פאַר אַלעמאָל וואָס ווייטער און פטור ווערען — ער וועט איהם שיקען קיין אַמעריקאַ. איהם אין האַנד וועט ער דאָס געלד ניט געבען, ער וועט דאָס אַוועקגעבען דעם אַגענט און זאָל ער איהם ברייגגען אַהינצו.

אָהן עסען און אָהן בגדים איז דוד צום באַהן געקומען. קיין גראָשען האָט ער אין קעשענע ניט געהאַט. דער געלער אידעל האָט פאַר איהם אַ בילעט געקויפט און אין וואַגאָן אַריינגעזעצט. אויסער איינעם אַנ'אָבגעריסענעם חבר, איז קיינער צום וואָקזאַל ניט אַרויסגע-קומען. ער האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטעריל און געמאַכט:

— פונדעסטוועגען מעג זיי דאָרט די כאָלערע כאַפּען!...

די יתומים.

אָפּענע, נאָר בלינדע זענען די אויגען ביים אַלטען יאָסעלען. שוין בלינד פון אַ יאָהר צעהן. האַלט ער זיי אָפּען און זעהט גאָרניט, קוקט, דוכט זיך, נאָר ער ווייס דאָך ניט אויף וואָס ער קוקט, ווי די פינסטערע חורבה, וואָס אין עק געסעל.

יאָסעלע האָט אַ טאָכטער געהאַט, וואָס איז געשטאָרבען גלייך נאָכ'ן פּאָגראָם, אַ וואָכען צוויי נאָכדעם. יאָסעלע איז שוין דעמאָלסט בלינד געווען און ער האָט זיין טאָכטער ניט געזעהן, נאָר געזאָגט האָט מען איהם, אַז דאָס איז איהר געקומען פון שרעק און קלעמעניש. דריי טעג נאָכאַנאַנד איז זי מיט די צוויי קינדער, מיט משה'קען און ביילקען, אין אומער געלעגען און נאָר אין מיטען נאַכט אויף אַלע פיער צו דר'ערד אַראָבגעקראָכען, צונעהמען אַ ביסעל וואַסער פאַר די קינדער. און אַז זי איז פון אַלמער אַרויס מיט'ן שרעק אין די אויגען, האָט זי זיך אין בעט געלעגט און פון בעט שוין ניט אויפגעשטאַנען.

זענען צוויי קינדער, יתומים'לעך, משה'קע און ביילקע, נאָך איהר געבליבען, האָט זיי דער זיידע, דער בלינדער יאָסעל דער אַלמן, צו זיך גענומען און ביי איהם אין שלאָפבאַנק צוזאַמען געשלאָפען.

דער טאַטע זייערער, וואָס איז שוין עטליכע יאָהר אין אַמעריקאַ געווען, האָט זיך וועגען זיינע צוויי קינדער ניט געקימערט, אַפילו ניט געפרעגט זיך אַמאָל אין אַ בריוועל וועגען זיי. נאָך אין זעלבען יאָהר, וואָס שיינדעל איז איהם געשטאָרבען, האָט ער דאָרט אין אַמעריקאַ אַ צווייטען מאָל חתונה געהאַט.

— אַ מאָדנע זאַך די אַמעריקאַ, ווי זי מאַכט דאָס פון אַ מענשען... — האָבען זיך שכנות געוואונדערט.

דער אַלטער בלינדער זיידע האָט דאָס געהערט, האָט איהם שאַרף עפּעס אַ קלעם געטהון אין האַרצען, איהם איז אַ שלעכטער רעיון דורך וועגען די קינדער און פאַר זיך האָט ער אַ בעלבעטשע געטהון:

— אַ שטיף-מאַמע...

און די קינדער, די צוויי יתומים׳לעך, זענען געבליבען ביי איהם אין שטיבעל.

דאָרט, אין אַמעריקאַ, איז די גאַנצע משפּחה און פון איהר האָט דער אַלטער יאָסעלע געהאַט ביז פינף רובל די וואָך — האָט דאָס ווי-ס׳איז געקלעקט אויף דער חיונה. אַ שכנ׳טע, וואָס איז נאָך אַ מצוה להוט, האָט אַנ׳אויג געוואָרפען אויף די יתומים׳לעך, דעם יונגעל האָט מען צו פיער יאָהר אין חדר אַוועקגעגעבען און ער איז דאָרט אַ גאַנצען טאָג געווען, און דאָס קליין מעדעלע איז אין שטוב געזעסען און די פּאָדלאָגע מיט די קליינע הענטעלעך אויסגעקעהרט.

ביינאַכט פלעגט דער בלינדער יאָסעלע אַליין אַראָבקריכען פון זיין בעט און אַרומטאַפּען דעם שלאָפבאַנק, צי די אייניקלעך זענען וואַרעם צוגעדעקט.

זענען די קינדער איינגעבאַקען געוואָרען דעם בלינדען יאָסעלע, אין האַרצען.

— וואו געהט איהר דאָס, ר׳ יאָסעל? — פלעגט מען איהם אַריינשרייען אין אויער.

— די קינדער זענען אַליין אין שטוב... — פלעגט ער ענטפערן.

און ביסלעכווייז זענען די קינדער צוגעוואַקסען. משה׳קען איז געוואָרען קרוב עלף יאָהר, פייגעלען — קרוב צוועלף, און זיי וואָלטען נאָך אַוודאי לאַנג אזוי צוזאַמען געווען, ווען ניט זיי פון דאָרטען, די משפּחה פון אַמעריקאַ.

„ס׳איז ניט קיין תכלית די יתומים צו לאָזען אַזוי — האָט געשרייבען זייער פעטער, יאָסעלעס זוהן, — מיר וועלען זיי אַהערצו אַריבערנעהמען און זיי מאַכען פאַר מענשען...״

האָט דער עלף-יאָהריגער משה׳קע געלייענט דעם בריעף פאַר׳ן בלינדען זיידע, און דער זיידע טאַפּט עפּעס דעם בריעף אין די הענד, דרעהט איהם אום, שאַרט מיט די הענד אויפ׳ן טיש און זאָגט נאָר איין וואָרט:

— אפשר...

אוןביידע קיינדער האָבען געקוקט אויפ׳ן בלינדען זיידען, גע־קוקט אויפ׳ן קליין שטיבעל, געקוקט אַרום זיך און געשוויגען.

און אַז די בריעף האָבען אָנגעהויבען צו קומען אָפטער און אַלץ וועגען דעם, איז ר׳ יאָסעלע אַריבער צו הענין דעם דין און מיט איהם אַנ׳עצה זיך געהאַלטען:

— אַ יושר... אַ יושר... — האָט ר׳ העניך געזאָגט — ס׳וועט פאַר אייך אויך זיין גרינגער...

— דאָס איז גאָרניט... — האָט דער בלינדער יאָסעלע גע־ענט־פערט און געמיינט, אַז ער זאָגט דאָס גלייך צו ר׳ העניך׳ן אין פנים, נאָר ר׳ העניך איז גאָר אין צווייטען זייט געוועזען און ר׳ יאָסעלע האָט מיט די בלינדע אויגען גאָר צו דער וואַנד געקוקט.

נאָר דער גורל פון די קינדער איז שוין געוועזען ביים בלינדען זיידען אָבגעמאַכט:

— מיט׳ן אויבערשטענס הילף, גלייך נאָך יום-טוב פאָהרען זיי...

עס איז אָבער אַזוי גיך ניט געוואָרען. ביז אין מיטען ווינטער האָט זיך דאָס אַוועקגעשטעלט.

און ס׳איז דעמאָלסט אַ שניי געווען, ווען דער בלינדער יאָסעלע האָט זיך מיט זיינע אייניקלעך געשלעפּט מיט די פּעקעלעך צום וואָק־זאַל. ווארעם האָט זיך דער אַלטינקער געזעגענט מיט די קינדער. אַ פּאָר טרעהרען זענען אַרויסגעפאַלען פון די בלינדע אויגען, און ער האָט עפּעס אונרוהיג צוגעקלאַפּט מיט׳ן הילצערנעם שטעקען אָן דר׳ערד און געבעטען זיך ביי זייער מיטפאָהרער השגחה אויף די אָרימע קינדער געבען.

איינער אַליין איז ער יענע נאַכט ביי זיך אין שטיבעל געוועזען און געזאָגט אויף אויסענווייניג שטיקלעך תהלים, וואָס ער האָט געדענקט.

צוזאַמען.

I.

ווי אַלץ, אַזוי אויך דאָס: פון יאַשען האָט דאָס געשטאַמט. ער האָט זיך שטענדיג אַרומגעטראָגען מיט אויסטערלישע זאַכען און ניט געוועהנליכע פלענער. פריהער האָט ער דאָס פונדעסטוועגען פאַר זיך אַרומגעטראַכט ביז ער האָט דאָס פאַר אַלעמען שוין זיכער געזאָגט. ער האָט שוין אַפילו ערגעץ-וואו און צו וועמען-דאָרט אַ בריעף געשריבען און נאָר דערנאָך האָט ער פערצויגען וועגען דעם אַ טענה.

יאַשאַ'ס פלאַן האָט געשטעקט אין דעם, אַז די גאַנצע אייגענע קאָמפּאַניע, אַ מאַן 12, זאָל פאָהרען. ניט אין ניויאָרק און ניט אין טשיקאַגאָ. פאָהרען וועט מען, האָט יאַשאַ געזאָגט, ווייט אויפ'ן לאַנד און אַלע צוזאַמען וועלען פערמערס ווערען: גערטנער, פעלדער, ווייסע הייזלעך, שאָף און רינדער...

און לויט ווי יאַשאַ האָט דאָס דערצעהלט, איז עס געווען אַזוי אַנציהענד, פשוט און לייכט, חאָטש נעהם שוין, זעץ זיך אויף און-פאָהר. לכתחלה זענען אַלע מסכים געווען, מען האָט צוערשט אויף צו פלייסען אַ חשבון געמאַכט און ס'האָט זיך צונויפגעשטעלט, אַז מען וועט נאָך מיט אַ צוויי טויזענד רובל אַהינצו אַראָפּקומען.

שפּעטער האָט די שוואַרצע עטעל שוין אויך געוואָלט פאָהרען און זי האָט דערצעהלט, אַז זי וועט ביי איהר טאַטען דעם גאַנצען נדן אַוועקנעהמען: צוועלף הונדערט רובל —

צום פאָהרען איז נאָך ווייט געווען, מען האָט נאָך דערווייל רק וועגען דעם געשמועסט, און דאָך איז שוין עפּעס גוט געוואָרען אויפ'ן

הארצען, גלאט־אזוי, פון הנאה וועגען, האט מען פאנטאזירט און איינער דעם צווייטען געווארימט.

דער קבצן פון זע״ חברה איז יאשע געוועזן. ער האט נאך פאר קיין פאל ניט געוואוסט, וואו וועט ער דאס אויף דער הוצאה נעהמען, פונדעסטוועגען האבען ביי איהם די אויגען געלויכטען מעהר, ווי ביי אלע, און ביי איהם איז דאס א שטיק אמת געווארען:

— מיר פאהרען קיין אמעריקא...

און איהם האט זיך שוין גארניט געגלוסט צו לערנען מיט זיינע עטליכע תלמידים חשבון: סיי ווי סיי וועט ער דאך זיי לאזען אין מיטען און צו גארניט קומען.

— הערט איהר, חברה — האט יאשע גערעדט — אט די דאזיגע אמעריקא!... איהר ווייסט גארניט, ווי לאנג זי איז שוין איינגעבאקען ביי מיר אין הארצען!... אמאל — רעדט מען ניט: אמאל איז געוועזן אנ׳עבירה צו פאהרען אין אמעריקא... אבער נאך אלעמען, נאך אל־דאס גוטס... אז באריס איז געפאהרען, דער געלער דוד איז גע־פאהרען, ראובנ׳קע איז געפאהרען, האט אנגעהויבען ציהען אהינצו... ציהט עס... און ציהט... עח, ברודער, איז דארט א לעבען!...

— און איך האב א סך צו דאנקען אמעריקא — האט שמעון גע־זאגט — אט האסטו שטענדיג א תירוץ פאר זיך אליין. טאקע, אין דער אמת׳ן, טראכסט אמאל, וואס איז דער תכלית, דער סוף, וואס?... ווען?... שלינג און שלאנג אין קאפ... עס געהען אוועק חדשים... גאר גארניט, אז ס׳וועט שוין זיין גאר שלעכט, פאהרט מען אין אמעריקא... ניטא וואס צו טראכטען — אמעריקא וועט צונעהמען...

און אז מען טרעפט זיך צונויף, מען זיצט צוזאמען, דערצעהלט מען זיך מעשיות וועגען אמעריקא, יעדער האט וואס צום דערצעהלען.

אט איז יאשע׳ס פעטער דאס יאהר פון דארט אראבגעקומען און ער קלויבט זיך שוין באלד צוריק צום פאהרען.

— וואס האט איהר דארט געטהון, פעטער? — פרעגט איהם יאשע און דערצעהלט דאס איבער.

— וואס זאל איך טהון? — האט דער פעטער דערצעהלט — די ערשטע צייט ניט גוט, אודאי. ארומגעפאהרען, געוועזן אין דער „צוויי־טער אמעריקא", קיין געלד ניט געהאט, האט דער „רעמובל אפיס" געשיקט, געגעבען צו שטייער... לעז אין „פייפער", אז א איטאליענער, וואס האט געדיענט אין א פאבריק ביים אנטהון מאסען אויף טראנסמי־

טען, האָט זיך אַ האַנד אָבגעריסען, איז מען אַוועק אַהינצו, אויפ׳ן איטאַליענערס אָרט זיך געשטעלט און דריי יאָהר גענומען זעכצעהן דאָלאַר אַ וואָך...

— אַז מיין מוהמע איז צוריק געפאָהרען — דערצעהלט די שוואַרצע עטעל — האָט מען געמיינט אויפ׳ן שיף, אַז ער געהט שוין אונטער, ס׳איז געווען אין מיטען נאַכט און אַ שטורם אויפ׳ן ים. „עס איז געבליבען נאָר גאָט צו בעטען״, האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט. איז געוואָרען אַ יללה, אַלע זענען אויפ׳ן דעק אַרויף און געפאַלען אויף די קניה גאָט צו בעטען און צו וויינען. אין שיף זענען נאָר געווען אַ צוויי צעהנדליג אידען, זענען זיי געווען די איינציגע, וואָס זענען ניט אויף די קניה געלעגען און געשטאַנען אויפ׳ן מיטען צווישען ים מענשען, ווי שאָטענס...

וועהט אָן דער שוואַרצער עטעלע׳ס מעשה אַנ׳אומעט און פאַרשטעלונג: הילפלאָז און צוטומעלט האָט די שיף, אַ גרויסע, צאַפּלענדיגע האַרץ אין טיעפען חשך, אומגעבלאָנדזשעט, אומגעטאַפּט און געראַנגעלט זיך...

II.

אַז ס׳איז אָבער געקומען נעהנטער צו דער זאַך, איז פון גאַנצען עולם גאָרניט געוואָרען, מען האָט זיך צורוקט און איבערגעלאָזען נאָר זיי זאַלבע-פיערט: יאַשע׳ן, שמעונ׳ען, קאַצ׳ען און די שוואַרצער עטעל.

יאַשע׳ס מוטה איז ניט אָבגעפאַלען, אָבער פון פאָהרען אויף די פערמעס האָט מען זיך שוין געמוזט אָבזאָגען.

קאַצ׳ן האָט זיין ברודער פון פילאַדעלפיע געשריבען: „דריי חדשים וועל איך דיר אין שטוב האַלטען, ביז איך וועל דיך אויסגריינען און דערנאָך וועל איך דיר אַרויסלאָזען און — אַלע טהירען זענען פאַר דיר אָפען״ און גראַדע זענען ביז איצט פאַר קאַצ׳ן די טהירען ניט אָפען געווען: שוין דריי יאָהר, אַז ער האָט די גימנאַזיע געענדיגט און דריי יאָהר, אַז ער האָט זיך אַרומגעפלאָנטערט אָהן אַ ציעל.

אָבער ניט שמעון און ניט יאשפ און אפילו ניט די שוואַרצע עטעל האָבען זייער חשבון געוואוסט.

שמעון האָט געהאַט חיונה, ווייל ער האָט זיין מלאָכה אין פאַבריק געאַרבייט, ווי תמיד, און צוועלף רובל אַ וואָך פערדיענט. אָבער משונה האָט מען אויף איהם ניט געקוקט — ער איז ניט דער ערשטער, וואָס האָט זיך אַזוי אויפגעהויבען פון העלער הויט, געוואָרפען האַק און פּאַק און אַוועק.

— פרעגט ניט קיין קשיות — האָט שמעון געזאָגט — פערדיענט זיך איהרע צוועלף רובל אַ וואָך געזונדערהייט און איך וועל פאָהרען!...

און אַ מאַך געטהון האָט ער אַזוי מיט די הענד, אַז קיין קשיות זענען שוין טאַקע מעהר ניט געווען צום פרעגען, שמעון וועט סיי ווי ניט בלייבען — ער וועט שוין פאָהרען.

פרעהליך און אויפגעלעגט איז יאַשע געווען. מיט אַ חדש פריהער האָט ער שוין אויפגעהערט חשבון צו לערנען און איז אַלע טאָג צום דאָקטאָר געגאַנגען, וואָס האָט איהם מיט שטיינדלעך די אויגען געגלעט און טראָפּענס געגאָסען, אָבגעזעסען טעג ביי דער שוואַרצער עטעל, וואָס האָט איהר וועש צורעכט געמאַכט אין א פערענע מיט קישענס זיך איינגעשאָטען.

און דער שוואַרצער עטעל האָט גענאָגט און האַרצען און געקלעמט, דאָך איז עפּעס אינווייניג אַ פערגליווערטע וואַרימקייט געווען, פון וואָס ס'שטעלען זיך טרעהרען אין די אויגען. ביז צוויי ביי דערנאַכט האָט זי מיט דעם יאַשע'ן אַרומגעקראָכען און זיי האָבען אַליין ניט געוואוסט, וואָס זיי ווילען איינע פון די אַנדערע.

— יאַשקע, מען וועט נאָך הייסען שטעלען אַ חופּה ביים שיף...— האָבען זיך שוין חברים וועגען זיי ביידען געוויצעלט.

און זיי זאַלבע-פיערט האָבען זיך אָבגעטיילט פון בעקאַנטע, צוזאַמען געטראָפען זיך, אומגעגאַנגען און אַלץ, וואָס ס'איז פריהער אייגענס געווען, קרובי'ש: די שטאָדט, די גאַסען, קרובים, שטוביגע, זענען געוואָרען אָבגערוקט, ווי ס'וואָלט ניט זיין איינגעזעסען אויף אַנ'אָרט. ווי ס'וואָלט הענגען אין דער לופטען.

און יאַשע האָט שוין אַלץ געוואוסט: ווי די שיף וועט הייסען, וועלכען טאָג זי וועט אָבפאָהרען, אַלע סטאַנציעס, וואָס זיי וועלען דורכמאַכען און ווען זיי וועלען אין פילאַדעלפיע אָנקומען.

— ס'ציהט ... קיין כח צום וואַרטען ניטאָ! ... — האָט יאַשע געזאָגט.

III.

אויסער טאַטע און מאַמע זענען צום וואָקזאַל אַרויסגעקומען אַ היבש ביסעל יונגע לייט צו בעגלייטען.

יאַשאַ האָט אַרומגעשמייעט, די פעקלעך געטראָגען, בילעטען געקויפט און נאָך זיך שמועס'ן און עטלען געפיהרט. קאַץ האָט אַליין זיין וועג געוואוסט.

די אַלטע מאַמע יאַשאַ'ס, די פרומע סטירע, האָט זיך קוים-קוים נאָכגעשלעפט נאָך איהר פלינקען און קליין געוואוקסיגען שוואַרצען יאַשאַ און פון מויל אָנזאָגעכצען גערעדט.

אומעטיג האָט אויסגעזעהן דער געמויערטער וואָקזאַל'כעל אין מיטען דער נאַכט. פון יענעם זייט, הינטער איהם, איז אויסגעלעגט דער קיילעכדיגער ברוק און די צוויי שטעגען פוןביידע זייטען: רעכט'ס און לינקס, וועלכע פערגעהען און ביידע זייטיגע שטעדטלעך און דערפלעך. די בוימער האָבען אויף די ניעדעריגע קלעצלעך, וואָס שטעהען אַרום זיי, אַראָבגעקוקט און צוגעשאָקעלט מיט די צווייגען אין גערוישט און פערטראָגען דעם גערויש אינווייניג אין וואָקזאַל'כעל, אין וועלכען עס האָבען טונקעל געברענט די לאָמפען מיט די בלויע שיינען. די פנימ'ער זענען געווען ניט קיין אויסגעשלאָפענע און געקוקט האָט מען אויף די פיער, וואָס פערוואַרפען און געהן אַוועק צום ים.

די וואָקזאַל-גוים האָבען אויך געוואוסט, אַז מען פאָהרט קיין אַמעריקאַ, און ס'האָט, ווייזט אויס, אויך זיי אָנגעריהרט, זענען זיי געשטאַנען און געקוקט און ניט ווי אַלע מאָל האָט פעטרוש אָנגעקלונגען דעם ערשטען קלונג, אַז דער צוג איז צוגעקומען.

— פאָהרט געזונד!

— זייט געזונד!

— גליקליכע רייזע! ... קומט בשלום! ... שרייבט בריעף...

— צוזעהן זיך דאָרטען איגגיכען... — האָט מען געשריען איינער צום אַנדערען און זיך אומגעשליידערט מיט די ווערטער.

זאַלבע-פיערט זענען זיי שוין אינערווייניג געשטאַנען אויפגענורעט צוזאַמען. אויף אַ רגע איז די מונטערקייט פון אַלעמען אָבגעטראָטען: ס'האָט אינעווייניג פערקלעמט... די שוואַרצע עטעל האָט זיך

אפילו צוויינט. ביי אַלע דריי האָבען זיך טרעהרען אין די אויגען געשטעלט.

— עה, צום שוואַרץ יאָהר! ... — האָט קאַץ דאָס אַרויסגערעדט און קיינער האָט גענוי ניט פערשטאַנען געגען וועמען עס איז געווענדעט און צו וואָס ער האָט דאָט געזאָגט.

דער צוג האָט זיך גערירט.

רחל.

איהר נאָמען איז רחל, נאָר אין שטוב רופט מען זי: רחל׳ע. שוין ניט קיין יונג מעדעל, דעריבער זעהט דאָס אויס מאָדנע, אַז דער טאַטע זאָגט צו איהר:

— רחל׳ע!...

קינדער זענען אין שטוב עטליכע, נאָר דאָס ליעבסטע איז רחל. ווי צוויי טראָפּענס איז זי אָן דער מאַמען געראָטען. אַ שטילע, אַ שווייגענדיגע טאָכֿטער. אַז איהר איז נאָך קיין דרייצעהן יאָהר ניט געווען, האָט איהר די מאַמע אין פאַבריק פערפיהרט און פון דעמאָלסט אָן האָט זי זיך ביים רעדעל אַוועקגעשטעלט און אָבגעשטאַנען ביז דריי און צוואַנציג יאָהר, פיער רובל וואָך אין וואָך פערדיענט און אין שטוב צו דער הוצאה געבראַכֿט.

רחל איז ניט קיין שענע געווען. דאָס האָט אפילו די אייגענע מאַמע געוואוסט. ניט איינמאָל, אין די פאַרנאַכֿטען, אַז רחל פלעגט פון דער אַרבייט קומען, דאָס פּנים איז ניט אָבגעוואַשען פון די איינגעגעסענע שוואַרצע פינטלעך פון דער אַרבייט, די דיקליכע נאָז איז פערדעקט מיט פאַבריק-שטויב, די שוואַרצע בלוזקע איז אָבגעריבען און גלאַנצט פון דעם בוימעל — פלעגט די מאַמע שטיל אָבזיפצען און זיך בעטען:

— עס עפּעס, רחל׳ע...

און רחל אַליין פלעגט זעלטען מיט די בעקאַנטע מעדלעך זיך אָבגעבען. מיט אַ דריי יאָהר פריהער איז זי נאָר אַ פּאָר מאָל אַליין אומגעגאַנגען מיט׳ן געלען דוד, וועלכֿער איז שוין לאַנג אַוועק פון דאַנען. ער איז אפילו ביי זיי אין שטוב געווען. שבת נאָר פלעגט זי

זיך אַרויסכאַפּען צו גאָלד'ען, וואָס איז מיט איהר ביים זעלבען רעדעל אין פאַבריק געשטאַנען. אַ שווערע אַרבייט איז געווען אין פאַבריק, פלעגט זי פון דאָרט אַראָבקומען אַ פערמאַטערטע, זיך פרובען די האָר איבערקעמען און אויף אַ ווײַלע אויף דער סאָפקע זיך אָנשפּאַרען, פלעגט זי שוין אַגב אָבשלאָפען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

שטענדיג פלעגט רחל איהר גאַנץ פערדיענסט אין שטוב אַוועקגעבען, עס זאָל אויף דער חיונה זיין. נאָר לאַנג האָט זיך געקליבען ביי איהר אין האַרצען עפּעס פערדראָסליכעס, ביז איהר האָט זיך אָנגעהויבען דוכטען, אַז ס'איז אַן עולה פון טאַטע-מאַמע, וואָס נעהמען ביי איהר איינגאַנצען צו. פלעגט זי אָנהויבען אָבצורייסען אַ רובל, צוהאַלטען און ניט אַוועקגעבען — ס'איז איהרע. רחל האָט אָנגעהויבען אָבצולעגען און עפּעס אויפקלויבען.

די מאַמע האָט דאָס געמערקט, נאָר זי האָט געגוי ניט פערשטאַנען, וואָס זי מיינט דערמיט: מיט די פּאָר גילדען וועט זי דאָך קיין נדן ניט אויפקלויבען. נאָר פרעגען האָט זי ביי איהר גאָרניט געפרעגט און ניט גערעדט גאָר וועגען דעם. דעם מאַן נאָר האָט זי דערצעהלט און זיך אָבגערופען:

— וואָס, איטשע, וועט זיין מיט רחל'ען?...

און דער טאַטע האָט זיך דאַן שטאַרק שולדיג געשפּירט און בעַ'עולה'ט, וואָס ער, אַ טאַטע, אַ מאַנספערשוין, קען זיין טאָכטער גאָרניט העלפען, נאָר איינגאַנצען האָט ער ניט געוואָלט זיך אונטערגעבען און געענטפערט:

— מען דאַרף האָפען צו גאָט...

אַז רחל האָט שוין אָבער איבער דרייסיג רובל געהאַט, האָט זי פאַר דער מאַמען פערטרויט דעם סוד: זי וויל זיך פעדערען און פוך בעהמען.

אַ מאַמע ווייס, אַז אַ מעדעל דאַרף פעדערען און פוך האָבען: מען דאַרף זיך אַ קישען און אַ פערענע איינשאפען. ווען גאָט וואָלט איהר געהאָלפען, וואָלט גאָר אַנדערש געווען. נאָר וואָס עפּעס האָט זיך דאָס רחל'ען פלוצלונג פערוואָלט? האָט זי עפּעס אַ סוד, וואָס זי זאָגט ניט אויס?...

— הלואי, רבש"ע!...

נאָר רחל האָט גאָר קיין סודות ניט געהאַט. זי האָט אָבער גע-

וואוסט, אַז אַ מעדעל דאַרף עס האָבען — איהר בעטגעוואַנד. שרה'טשע האָט זיך דאָס איינגעשאַפּט, די שוואַרצע מירעלע...

דערפון ווערט עפּעס היימליכער און וויכטיגער ביי זיך אויפ'ן האַרצען.

און רחל'ע האָט שוין איהר אייגענע קישען און פּערענע געהאַט. אַליין דאָס איבערגעצויגען, בעזונדער און ניט מיט די גאַנצע שטוביגע בעטגעוואַנד צוזאַמען, עס ריינער פאַר דער מאַמעס קישענס געהאַלטען, איהר נאָמען אויסגעהאָפטען — ס'איז אָבער גאָרניט אַנדערש געוואָרען.

די מאַמע האָט נאָר מעהר אָבגעזיפצט, וועגען איהר עלטערער טאָכטער געטראַכט און תקיפ'ער מיט'ן מאַן גערעדט:

— איטשע, וואָס וועט זיין דער תכלית?...

און פון זיך אַליין האָט זיך דער טאַטע שוין אינגאַנצען מיאש געווען און אָבגעענטפערט:

— אפשר שרייבען צו די קינדער?

און צו די קינדער, וואָס זענען שוין אַ היבשע פּאָר יאָהר אין ניו-יאָרק, האָט מען טאַקע אָנגעהויבען שרייבען. יענע האָבען צוריקגעענטפערט. ס'זענען אַראָבגעקומען דיקע קאָנווערטען מיט געלבע שטיקלעך פּאַפּיר און אין שטוב איז געוואָרען ניט מיט אַלעמען, רודערדיג — פון יענער זייט ים האָט זיך דאָס אָנגעטראָגען.

— רחל פאָהרט אַוועק... — האָבען שוין גערעדט די מעדלעך, וואָס ביים רעדעל און אויף דעם האָט רחל צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געזאָגט.

— גלייך נאָך פסח...

טאַטע-מאַמע האָבען געהאַט זייערע אומעטיגע רעיונות, ניט קלאָרע, נאָר פון וועלכע עס קלעמט אין האַרצען און ס'איז עפּעס ניט ניחא. רחל האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם געלען דוד, וואָס איז שוין לאַנג דאָרטען. אודאי וועט זי איהם דאָרטען זעהן. וואָס איז מיט איהם?.. און אַזוי איז עפּעס אינעווייניג צוטומעלט — עס קרענקט און די הענדציטערן — און גע'ישוב'ט האָט זי זיך שוין, וויפיעל איהר קישען און פּערענע וועלען אין באַגאַזש וועגען...

פערמאַכט די קראָם.

I.

גלייך נאָך דער חתונה האָט זיך ירחמיאל אויפגעהערט שערען די באָרד אפילו מיט'ן שערעל. זיין קול איז געוואָרען שטילער ווי פריהער, אין שטוב איז ער אין יאַרמאָלקע אַרומגעגאַנגען און ביי-נאַכט אין בית-המדרש אַ בלאַט גמרא געלערנט.

אַ יאָהר צייט האָט ער זיך ביים שווער'ס שטוב אַרומגעדרעהט — אַנ'איידעם אויף קעסט. נאָר נאָכ'ן יאָהר האָט מען געמוזט אָנהויבען טראַכטען וועגען עפּעס אַ פּרנסה. זיין וואויל-לערנען האָט גאָרניט גע-האָלפען און ער, האָט אין דער סוחרי'שער געסעל אַ שניט-קרעמעל געעפענט — —

אַ פּאָר טרעפּלעך אין דער הויך, אַ בלוי שילדעל איבער דער טהיר און אינוויינינג — צוויי פּאָליצעס מיט „שניט".

און ווען גאָט וואָלט געהאָלפען און דאָס געשעפט וואָלט מצליח געווען, וואָלט זיך ירחמיאל געזעסען און חשבונות געמאַכט, אַ בריוועל צו אַ סוחר געשריבען, מיט עמיצען מכּח מסחר געשמועסט און די גאַנצע גאַס וואָלט ירחמיאל'ען אויף נאמנות געטרויט.

הצלחה איז אָבער ביי דער גאַנצער גאַס ניט געווען, אויסער ביי שרה-מלכּה'לען. אַנ'אומעט איז געווען אין דער סוחרי'שער געסעל, וואו מען האָט די שניט פערקויפט, פון די טהירען האָט מען נאָך פּרנסה אַרויסגעקוקט און ס'איז גאָרניט צוגעשיקט געוואָרען.

ס'איז נאָך קיין דריי יאָהר נאָך דער חתונה ניט געווען און ס'האָט זיך שוין גאָר פערגעסען, אַז ירחמיאל איז ערשט ניט לאַנג אַ בחור געווען אין אַ ריינעם פּאַפּירנעם קראַגען — זיין פּנים איז שוואַרץ בעוואַקסען

געוואָרען, זיינע אויגען — פערזאָרגט און פערטיפּט און זיין קול איז פערעלטערט געוואָרען.

אַ טאַטע.

דער שוועהר, וואָס האָט אַליין אָרעם, מיט אַ גוי׳ש זעקעל תבואה, געהאַנדעלט, פלעגט צו ירחמיאל׳ן אין קרעמעל אַריינקומען, אָבּ-זיין אַ שעה און נאָך איינע, מיט׳ן איידעם גלאַט אַזוי דורכריידען און עגמת-נפש האָבען, וואָס ס׳איז קיין פרנסה ניטאָ.

— אפשר צו אַן׳אַנדער עסק זיך נעהמען... — פלעגט ער אַרויס-זאָגען און גוט געוואוסט, אַז ניט זיין איידעם האָט זיך מיט וואָס צו-נעהמען און ס׳איז ניטאָ צו וואָס זיך נעהמען.

און מאָדנע האָט ער געקוקט אויף זיין איידעם, דעם וואויל-לער-נער, אין ליוסטרינענעם בגד מיט דער שוואַרצער באָרד, וואָס מעסט עפּעס ניט געראָטען אָב אַן׳אייל ציץ און שניידט דאָס פאַמעליך אָב.

— גיט מיר אַ צוואַנציגער מיט צוויי גראָשען...

און אין שטוב זענען שוין צוויי קינדער אַרומגעגאַנגען און מיט׳ן דריטען פלעגט די מאַמע קומען אין קראָם, האַלטענדיג איהם אויף דער האַנד:

— ירחמיאל, האָסט אפשר צוויי גילדען?...

II.

דעם לעצטען ווינטער איז ירחמיאל אַרומגעגאַנגען אַ פערטראַכ-טער, אַ פערזאָרגטער. זיין מלבוש איז שוין אָבגעריסען געווען, די ווייב האָט זיך ווידער אין קינדפּעט געקליבען און ער האָט אודאי פון פרנסה געטראַכט. ער האָט דאָס שוין אודאי אויפ׳ן האַרצען פון לאַנג געהאַט, נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין מוט דאָס אַרויסצוריידען, נאָר איינמאָל איז ער פון מעריב געקומען און דאָס פאַר דער ווייב דערצעהלט:

— ס׳בלייבט נאָר אַהינצו, צו מיין ברודער, פאָהרען...

דאָס ווייב, וואָס איז מיט די קינדער געווען פערנומען, האָט עס מאָדנע אויסגעהערט פון איהר מאַן, וואָס וויל פאַר איהר קיין אַמע-ריקאַ צו זיין ברודער פרנסה פאָהרען זוכען און האָט זיך אָבגערופען:

— פון מיינעטוועגען, ירחמיאל...

ער האָט דאָס אפילו פאַר׳ן שוועהר ניט געוואָלט דערצעהלען:

ער זאָל קיין צער ניט האָבען; נאָר זי האָט זיך ניט איינגעהאַלטען און האָט דאָס פאַר איהר טאַטען דערצעהלט:

— ירחמיאל וויל אין אַמעריקאַ פאָהרען...

איז נאָך דעם זעלבען טאָג דער שוועהר ביי זיין איידעם אין קראָם געווען, וועגען דעם אַ רייד געמאַכט און זיך אָבגערופען:

— ס'איז אַ קרומע זאַך... ווי גאָט העלפט אַלעמען, אַזוי וועט ער דיר אויך העלפען...

נאָר אַז ער איז דאָרט אין קראָם אַ האַלבען טאָג אָבגעזעסען און זיין איידעם האָט נאָך ניט געהאַט געלייזט קיין פּרוטה, איז ער פון קרעמעל אַרויס, אויפ'ן בריקעל געבליבען שטעהן, די סוחרי'שע געסעל בעקוקט און אַראָבגעגאַנגען. ער האָט די אויגען אויפגעהויבען צום שילדעל, איבערגעלעזען: „ירחמיאל זוך" און איז אַוועקגעגאַנגען און געטראַכט:

— ער האָט דאָך אַ ווייב מיט קינדער...

III.

יענעם פריהמאָרגען האָט מען דאָס קרעמעל, וואָס אויף דעם בריקעל, ניט געעפענט. פערמאַכט איז עס געווען אויפ'ן אייזען און געהאַנגען איז דער גרויסער שלאָס, וואָס מען הענגט אויף פרייטאָג אויף איבער שבת.

אין דער סוחרי'שער געסעל האָט מען געקוקט אויף דעם פער-קלאַפּטען טהירעל, וואָס ירחמיאל האָט ניט געעפענט, און ס'האָט יעטווידערן עפּעס אָנגעריהרט און אַ פרעג געטהון.

— וואו איז דאָס אייער ירחמיאל? — האָט מען ביים שוועהר גע-פרעגט.

— צוגעפאָהרען... עפּעס אַנ'ענין... אַ שטעלע-זאַך...

נאָר שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען דערצעהלען אין געסעל און מען האָט פערזיכערט:

— ירחמיאל איז קיין אַמעריקאַ אַוועק...

די גרושה.

I.

אַ יתומה איז זי געווען, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אָהן טאַטע-מאַמע. ביי אַ פעטער איז איהר דירה געווען און פון דעם, וואָס זי האָט ביי אַ בעקער געאַרבייט, האָט זי איהר חיונה געצויגען.

ביילע האָט מען זי גערופען — אַ הויכליכע, שוואַרצע מעדעל מיט אַ לאַנג מויל און אויסגעמאַטערט פנים. ביילע איז אַ מעדעל געוועזן, נאָר אַ בעל מלאכה: אפילו גוט אין אויוועז געזעצט. זי איז אָבער קאַרג געווען — פון מויל און בגד אָבגעשפאָרט און אַ רובל געקליבען, ווייל געוואוסט האָט זי, אַז זי איז אַ יתומה און זי האָט זיך צוגעוועהנט פון קינדווייז אָן אַליין צו זאָרגען פאַר זיך.

די מעדלעך, די חבר'טעס פון בעקעריי, האָבען איהר גערופען „די גביר'טע”. זיי האָבען איהר ביכעל מיט די זיעבען הונדערט רובל געזעהן. זיי האָבען אָבער איהר ניט מקנא געווען — זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי זענען שענער פאַר איהר און האָבען שוין חתנים.

און ביילע איז געווען אַ שטיל, שוואַרץ און פערצאָרענט בעשעפעניש. איהר פרומען פעטער, ביי וועמען זי איז אויף דירה געווען, האָט זי געפאָלגט און אונטערטעניג געווען: זי האָט שבת אין סדור געזאָגט, ברכה געמאַכט און קריאת-שמע געלייענט.

צוויי שוועסטער האָט זי אין אַמעריקאַ געהאַט און אַז זיי האָבען זיך דערוואוסט פון איהר עשירות, האָבען זיי איהר בריעף געשריבען, זי זאָל צו זיי אַראָבקומען, זי וועט אַ לייט זיין און בעסער מאַכען.

„אָט איז שוין מיין מאַן, בענדזשעמען, אַ סיטיס'ער — האָט צו

איהר איין שוועסטער געשריבען — און ס'איז אונז אָל'רייט, הלואַי דיר ניט ערגער..."

דער פעטער האָט איהר אָבער ניט געהייסען פאָהרען.

— וואָס טויג דיר אַמעריקאַ — האָט ער גע'עצה'ט — דו קומסט, חס ושלום, צו קיינעם ניט אָן, דיין נדן האָסטו אויך, גאָט וועט דיר העלפען און וועסט זיין אַ מענש צו מענשען גלייך.

זי איז אָבער אַזוי גיך ניט געוואָרען „צו מענשען גלייך". דער שדכן פלעגט אַמאָל איבערשמועסען מיט'ן פעטער אין בית-המדרש, צי אויפ'ן גאַס, נאָר ס'איז דערפון נאָך גאָרניט אַרויסגעקומען. און ביילע איז צו איהרע שוועסטער ניט געפאָהרען, נאָך אַ רובל צוגעקליבען און דאָס פנים איז מעהר פערמאַטערטער געוואָרען און דאָס האַרץ — פערצאָרנטער.

II.

ביז ס'איז אַראָבגעקומען דער פרומער פעטער פון קלעשטשי.

ווי אַזוי דאָס איז געוואָרען, דער פעטער פון קלעשטשי זאָל אַראָבקומען, האָט ביילע ניט געוואוסט, נאָר פאַר דעם פעטער פון קלעשטשי האָט מען דרך-ארץ געהאַט: ער איז געווען אַ מלמד, גע-האַט אַ גרויסע קנעלונג און דער למדן פון משפחה.

און דער קלעשטשי'ער פעטער איז געקומען מיט אַנ'ענין — אַ שדוך מיט איהם, מיט זיין זוהן, וואָס איז דאָס יאָהר אַראָב פון די יונים — מען האָט איהם ניט צוגענומען.

— קיין גרויסער פערדיענער איז ער אַפילו ניט — האָט דער פעטער אַליין געזאָגט — ער העלפט מיר צו אין די מלמדות... נאָר מען דאַרף האָבען בטחון, דער אויבערשטער וועט ניט פערלאָזען און ביילע איז דאָך גאָר אַ פיינע פערדיענערקע ביי פרעמדע, אפשר וועט זי אַליין מאַכען אַ פרנסה...

דאַרף מען האָבען בעסער? — אַנ'אייגענער פעטער, דער קלעש-טשי'ער פעטער, זיין אייגענער זוהן...

און איינמאָל איז ביילע ביטאָג פון בעקעריי אַוועק אין שטוב און ביז אויף מאָרגען ניט געגאַנגען קנעטען — דער חתן ליישקע איז פון קלעשטשי אַראָבגעקומען. אַ דאַרער, בלייכער בחור מיט צושראָקענע אויגען און גידעריגער ברייטער נאָז. מאָדנע איז אויסגעקומען ביילען

וואָס פאַר איהם האָט זי דאָס אויף איהר ביכעל געקליבען און איהם וועט זי דאָס איהר נדן אַוועקגעבען. זי איז, דוכט זיך איהר, עלטער, אונקענטיגער פאַר איהם.

נאָר אַז זי איז אויף מאָרגען געקומען אין בעקעריי, האָבען שוין אַלע פון אַלץ געוואוסט: פון קלעשטשי׳ער פעטער, פון חתן ליישקע... און האָבען ביי איהר געפרעגט:

— אַנ׳אמת, ביילע, ווערסט אַ כלה?

איז זי געווען געהויבען ביי זיך און געענטפערט:

— יאָ, אַ כלה...

און זי איז טאַקע אַ כלה געוואָרען. דער חתן איז מיט איהר אויף דרויסען אַרויסגעקומען מיט׳ן אָנגעשטעלטען קראַגען פון פאַלטאָ און איבער קראָמען געגאַנגען און ביידע זענען זיי געווען פערשוויגענע, טונקעלע און קיין סך ניט גערעדט. ביידע פעטערס און מוהמעס האָבען אַרום איהר געהאַוועט פאַר איהר געלד. איהר האָט דאָס אַ ביסעל הנאה געטהון, נאָר דאָס האַרץ האָט געקלעמט, זעהענדיג, ווי דאָס אייגענס צושווימט און צוגעהט אין די הענד.

מען האָט דאָס אויף לאַנג ניט פערצויגען. קיין גרויסע שמחות און שהיות האָט מען ניט געמאַכט. נאָך סכות האָט מען קרובים גערופען און אַ חופה געשטעלט — ביילע האָט חתונה געהאַט.

III.

ביילע׳ס מזל איז אָבער אַ ביטערער געווען.

נאָך דער חופה איז ליישקע׳ן, דעם חתן איהרען, עפּעס ניט גוט געוואָרען.

זיין טאַטע, דער קלעשטשי׳ער פעטער, האָט אַ קוק געטהון און זיך דערשראָקען, בלויך געוואָרען און געהייסען לויפען נאָך אַ רופא. דעם חתן האָט מען אין בעט אַריינגעלעגט.

— נישקשה, ס׳איז ניט קיין געפאַהר — האָט זיין טאַטע ביילע׳ן געטרייסט — ס׳איז ביי איהם אַ פעהלער אַזאַ, אַנ׳איבערגאַנג...

עס איז אָבער ניט קיין גרינגער איבערגאַנג געווען. שוין אַ פּאָר יאָהר, ווי ליישקע איז אַ חולה, אפילו ביי אַ פראָפעסאָר געווען און יענער האָט זיין האַרץ אויך גאָרניט געקענט העלפען — אַ קראַנקס און געפעהלערטס.

און ער איז קראַנק געוואָרען אויף אַנ׳אמת.

— ס׳האָט זיך צוריק אָפּגערופען ... — האָט ער צו ביילען גע-זאָגט.

און זי איז ביי זיין בעט געזעסען און איהם רפואות דערלאַנגט, מאַכלים געקאָכט. דער קלעשטשי׳ער פעטער האָט זיך מעהר ניט געוויזען און ביילע האָט זיך אַליין געמאַטערט, געהערט, ווי דעם פעטער׳ס זוהן האָט מיט׳ן האַרצען געכאָרכעלט און זי האָט געכאָלגט, וואָס מען האָט איהר געהייסען — איהם איבער דער גרענעץ געשיקט קורירען.

פון דאָרט איז אָבער קיין גוטס ניט אַראָפּגעקומען און דאָ האָט מען איהר געקרענקט און גע׳מוסר׳ט:

— ס׳טייטש, מען זאָל אַזוי אָפּנאַרען, פערפיהרען ... ווי לאָזט מען זיך דאָס ...

און זי האָט צו איהם איהר געלד איבערגעשיקט און ס׳איז איהר אויסגעקומען דער ענין שטאַרק סמוטנע, אומגעלומפערט און פערדראָסיג.

— לעבען קענט איהר ניט — האָט דער פעטער, ביי וועמען זי איז אויף דירה געווען, גערעדט — ס׳איז אַ סכנה און אַנ׳עבירה, ער וועט אַראָפּקומען — און גט׳ן זיך ...

— ער זאָל דאָס טהון ... — האָט די מוהמע זיך געוואונדערט אויף דעם קלעשטשי׳ער פעטער און געקוועטשט מיט די אַקסלען.

און גערעדט צו איהר אַזוי האָבען אַלע. ס׳איז אַ ווייטע קרובה געקומען, וואָס האָט זיך אפילו אויף דער חתונה גאַנץ פיין משמח גע-ווען, ס׳איז אַ שכנ׳טע אַריין און אַנ׳עצה געגעבען:

— קיין ברירה ניטאָ ... גט׳ן זיך ...

איז ביילע׳ס פנים לענגער און טרוקענער געוואָרען, דער קול-עלטער און שוין ניט מעדעלש, און ס׳האט געטומעלט, געקרענקט און געפּלאָנטערט.

IV.

האָט זיך איין פעטער מיט׳ן צווייטען געקריעגט, מען האָט תביעות געהאַט, איינס ביי דאָס צווייטע געמאָהנט און חשבונות גע-מאַכט. ליישקע איז געקומען און גלייך אין קלעשטשי צום טאַטען פערפאָהרען. איז אויך דער פעטער אַהין אַוועק און מען האָט ביילע׳ן געשלעפּט צוויי מאָל צום רב, גערופען, און דערנאָך איז עפּעס די

לעצטע צוויי הונדערט רובל אַוועק. מיט אַ שווער האַרץ און האַרטע, קאַלטע הענד האָט זי דאָס אַוועקגעגעבען:

— נאַט, נעהמט...

און צוריק פון קלעשטשי איז זי שוין געפאָהרען אַ גרושה. צוריק ביים פעטער אין דירה.

ליישקע איז ערגיץ ווייט פאַר איהר געלד אַוועק, צו רופאים, און זי האָט אָנגעהויבען טראַכטען וועגען דעם, וואָס ס'וועט ווייטער זיין. ס'האַרץ האָט ניט געצויגען צוריק אין בעקעריי אַריין און עפּעס בעסערס איז ניט געווען, וואָס צו טהון.

איז זי דערווייל ביי איהר פעטער אין דירה געבליבען זיצען. עפּעס איז עס ניט דאָס, ניט יענץ — ניט פאַר דער חתונה, ניט נאָך דער חתונה. דאָס, וואָס פריהער, געוויס ניט, און וואָס ווייטער? —

אַ גרושה איז זי. אַזוי גיך אַ גרושה. צו דעם דאַרף מען שוין עפּעס עלטער זיין, ס'דאַרף אַנדערש זיין און זי איז נאָך, דוכט זיך, די זעלבע ביילע.

און דער פעטער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס צו עצה'ן איהר. איז ביילע אומגעגאַנגען פערכמורעט און דאָס לייב איז טונקעלער און עלטער געוואָרען.

ביז דאָס איז דערגאַנגען אויף יענער זייט ים צו איהרע שוועסטער און זיי האָבען צו איהר געשריבען:

— מיר נעהמען דיך אַריבער...

דאָס מאָל האָט איהר דער פעטער שוין ניט אָבגערעדט. ער האָט נאָר געשוויגען און אין דער שטיל דעם בריוועל איבערגעלייענט.

ביילע האָט עפּעס געזיפצט, צוטראָגען געווען און זיך געקליבען אין וועג אַריין.

— „זאָלסט ניט זאָגען אין „קעסטעל-גאַרדאָן", אַז דו ביזט אַ גרושה" — האָבען צו איהר די שוועסטער געשריבען — „זאָלסט זאָגען, אַז דו ביזט אַ מעדעל".

און ביילע האָט פאַר זיך אַליין גע'חזר'ט:

— אַ מעדעל... אַ מעדעל...

צום צווייטען מאָל.

I.

בשעת זושקע איז אַוועקגעפאָהרען צום ערשטען מאָל קיין אַמע-ריקאַ, איז עס געווען ערשט אַ יאָהר פינף נאָך זיין חתונה.

קינדערלעך האָט ער שוין געהאַט דריי און פרנסה — גאָרניט. אַליין איז ער אַ בעל-מלאכה, אַ שוסטער פון יונגעלוויז אָן, נאָר צו אַ לייטישען פערדיענסט האָט ער זיך קיינמאָל ניט דערשלאָגען. נאָר אין גוטע צייטען פלעגט ער פערדיענען פינף-זעקס רובל אַ וואָך.

דעמאָלסט, בשעת ער איז צום ערשטען מאָל קיין אַמעריקאַ גע-פאָהרען, האָט ער קיין פינף-זעקס רובל אַ וואָך אויך ניט פערדיענט — ער האָט גאָרניט געהאַט — געזעסען איז ער אין אַ אָרימער הינטערשטער געסעל און מעהר ווי פעררי̃כטען אַ פּאָר וואָלוועלע שטיוועל, אָדער ווייבערשע קאַמאַשען, האָט ער ניט געהאַט.

אַ געל, נידעריג און טעמפּ נפש'ל געווען. זיין מח אַליין וואָלט זיך קיינמאָל ניט דערשלאָגען צו פאָהרען קיין אַמעריקאַ. ווען ער וואָלט אפשר צו דעם שכל יאָ דערגאַנגען, וואָלט ער קיין מוטה ניט געהאַט אויפהויבען און זיך אַוועקלאָזען: צו ווייט איז עס, צו פרעמד און אונבעקאַנט...

אין דעם איז מעהר שולדיג די ווייב געווען. זי האָט דאָס גע-זעהן, מען זאָל צו איהרע ברידער אין ניו-יאָרק שרייבען, זי האָט דאָס איהם דעם פּאַלטא אויספעררי̃כט, ברויט אויסגעטריקענט, אפילו אַ פלע-שעל שנאַפּס פערפּאַרבט און צום באַהן אַוועקגעפיהרט.

— זאָלסט זיך דאָרט ניט אָבלאָזען, די ברידער וועלען דיר אַרויס-

העלפען און פערגעס ניט אָן מיר און אָן די קינדער... — האָט זי אָנגע־זאָגט איהר מאַן ביים געזעגענען זיך.

קרוב פיער יאָהר איז זושקע דאָרט אָבגעווען. זיין אַרבייט, די שוסטעריי, האָט זיך איהם דאָרט ניט געמאַכט, איז ער אַ שטעפּער גע־וואָרען. באַלד פיער יאָהר האָט ער ביי איין „באָס" אָבגעאַרבייט, צו דער ווייב אויף חיונה געשיקט און דערצו נאָך אַ דאָלער און אַ קוואָדער אָבגעשפּאָרט.

נאָר ניט צום האַרצען איז פאַר זושקע'ן ניו־יאָרק געווען — ניט פאַר איהם. ער האָט אָבער זיין האָפנונג געהאַט: גאָט וועט העלפען, ס'וועט אַ קרן ווערען, וועט ער זיך אין דערהיים אומקעהרען.

אין דערהיים איז פינף הונדערט רובל אַ היבש אייגענס — אַ גביר. ער האָט פון אַזאַ אייגענס ניט גע'חלומ'ט. מיט אַ פינף הונדערט רובל קען מען זיך אין דערהיים טאַקע לייטיש נעהמען צו דער אַרבייט, האָבען דאָס שטיקעל ברויט און רוהיג און זיכער זיין צווישען ווייב און קינדער...

II.

און זושקע איז אַראָבגעקומען אין דערהיים צו זיך אין געסעל אַ שטיק אַמעריקאַנער: ברייטע הייזען און אַ גראַנאַט רעקעל, האַרטע, געשטעפּטע קאַמאַשען מיט ברייטע נעזער אויף די פיס, אַ „העט" אויפ'ן קאָפּ און אַ שמאָלען, לאַנגען שלייפעל אויפ'ן העמד...

— זושקע איז אַראָבגעקומען אַ שטיק נגיד... — האָט מען דער־צעהל'ט אין גאַס און געלאָפען צו איהם וועגען דעם געוואָר צו ווע־רען, וואָס מאַכען די אייגענע און דערווייל, איידער ער האָט זיך אַרומ־געקוקט, אָבגערוהט און אַרומגעזעהן, האָט אָנגעהויבען זיין געלד כּלה ווערען.

וועט ער געהן ווייטער אַרבייטען ביי יענעם, וועט ער מעהר, ווי 4-5 רובל אַ וואָך ניט נעהמען און ער האָט שוין פערדיענט אין ניו־יאָרק די דרייצעהן דאָלאַר. האָט מען איהם אפילו גע'עצה'ט עפּענען אַנ'אייגענע קראָם פון קאַמאַשען, האָט ער אויף דעם ווינציג געלד און מוט געהאַט.

— געה ווער אַ סוחר אין גאַס.

האָט ער זיך אַזוי כמעט דעם גאַנצען ווינטער אַרומגעדרעהט

אין אַמעריקאַנער מלבוש אויפ׳ן גאַס, ביז ס׳האָט זיך אונטער׳ן האַנד אונטערגערוקט און ער האָט אַ קרעמעל געעפענט אין געסעל, דירה־געלד פיערציג רובל און סחורה — פאַר זיעבציג...

האָט זיך זושקע אין אַמעריקאַנער „העט" אַריינגעשטעלט אין קרעמעל האַנדלען מיט הערינג און צוקער...

III.

דער גרעסטער קונד פון קרעמעל איז ער אַליין געוועזן, נאָר פון זיך אַליין האָט ער קיין פרנסה ניט געהאַט.

האָט זושקען שטאַרק פערדראָסען, וואָס ער האָט שוין באַלד גע׳פטר׳ט זיין גאנצען אַמעריקאַנער אייגענס —

דערווייל איז איהם צוגעשיקט געוואָרען דער אַקציזניק, וואָס האָט געפונען, אַז זושקע האַנדעלט אָהן אַ בילעט. האָט איהם דער אַקציזניק אַנ׳אַקט געמאַכט און געסטראַשעט.

האָט איהם לייזערקע שרייבער געהייסען זיך לאָדען מיט׳ן אַקציז־ניק, זאָל ער איהם אָנלערנען, ווייל ער האָט איהם גאָר על פּי דין קיין אַקט ניט געטאָרט מאַכען, נאָר דערווייל ביז אַ „דיעלע" זאָל ער צושליסען די קרעמעל, ווייל דער אַקציזניק קען זיך צוכאַפּען און נאָך אַנ׳אַקט מאַכען.

איז זושקע אין כעס געוואָרען און צוגעקלאַפּט די קרעמעל: זאָלען אַנדערע האָבען קראָמען. און צו דער ווייב האָט ער זיך אָפּ־גערופען:

— איך פאָהר צוריק...

און בשעת ער האָט אויסגע׳חשבונ׳ט זיין געלד, וואָס איז איהם געבליבען, האָט ער צו איהר געמאַכט, ווי אַ זאַך־קענער:

— קיין גרינער בין איך דאָך שוין ניט, צווישען־דעק פאָהר איך ניט, איך וועל נעהמען טיקעט צווייטע קאַיטע...

און דערמאָהנענדיג זיך, אַז פונקט פאַר־אַ־יאָהרען אין דער זעל־בער צייט איז ער מיט דעם לינקאָלן־שיף אַראָבגעקומען, האָט ער געזאָגט צו דער ווייב אַ המצאה:

— פונקט צום יאָהר וועט דאָס מיידען...

מיט ווייבֿ און קינדער.

I.

געוואוינט האָבען זיי אויפ׳ן דאָרף, זעקס וויאָרסט פון שטעדטעלער, דאָס ווייבֿ און די דריי טעכֿטער. מעהר זענען איהם פון די אַכֿט קינדער ניט געבֿליבען. צוויי זיהן זענען אין אַמעריקאַ אַוועק, ווייל זיי זענען אָפּט אין שטאָדט מיט דער פוהר געפאָהרען און דאָרט האָט מען זיי אָנגערעדט, און די איבעריגע קינדער — אויפ׳ן שטעדטעלשען בית-עולם. ער, דער טאַטע, האָט זיינע קינדער אַהינצו מיט זיין אייגען פוהרעל געבראַכֿט.

אויפ׳ן דאָרף האָבען זיי אַ קרעמעל געהאַלטען, אַ פעקעל טיטון פערקויפט און ווען-אַמאָל עפּעס ביי אַ גוי איינגעהאַנדעלט. שוין לאַנג, ווי זיי זיצען אויפ׳ן דאָרף, פון נאָך דער חתונה אָן. אייגענטליך האָט זי, דאָבע-גיטעל זיין ווייבֿ, איהם דאָס אויפ׳ן ישוב אַראָבגעבראַכט. זי איז דאָרטען ביי איהר טאַטע-מאַמע געבוירען געוואָרען.

די ערשטע צייט נאָך דער חתונה איז איהם אפילו שווער געווען אויפ׳ן דאָרף איינצוזיצען — ניט געוואוינט געווען, געוואָלט צוריק אין שטעדטעל אַריין. ס׳איז אָבער אין דאָרף אַ ביסעל פרנסה געווען, מען האָט אויף ברויט געהאַט, איז ער דאָרט פערזעסען געוואָרען.

זיי זענען דאָרט אויפ׳ן דאָרף לעדיג ניט געזעסען. פערדיענט האָט מען אַ ביסעלע, אָבער וואָס צום טהון איז געווען אַ סך. פון דער שטיקעל קרעמעל אַליין האָט מען פרנסה ניט געקענט מאַכען, האָט ער געמוזט אין אַ צווייטען דאָרף אַוועקגעהן און אין אַ דריטען, עפּעס איינהאַנדלען, אויסבייטען און אָבקויפען און דערנאָך אין שטאָדט אַריין ברייגנען. זי האָט געמוזט אַנ׳עוף אויפקויפען, אייער ביי אַ גויע או

דאָס שטיקעל גערטעל אין זינען האָבען. זיין פּנים איז אויף אַ דאָרפּישען שטייגער פערוואַקסען, פערגרויט און פערנעבעלט געוואָרען, די שטיוועל האָט ער ביים ישוב׳שען שוסטער געמאַכט און עפּעס אַזוי ווי נידריגער צו דער ערד געוואָרען.

אוןביידע, ער מיט איהר, האָבען זיך נאָך געמאַטערט, געקליגט זיך, ווי אַזוי אַ פּאָר גילדען אָבשפּאָרען און אָבלעגען. ביידע האָבען זיי געוואוסט, אַז מען דאַרף קאַרג זיין, פון מויל אָברייסען און זיכערער אויף דער ערד זיין.

זענען אַזוי ביי זיי יאָהרען אַוועק ביז ס׳איז פון אַ רובל צו אַ רובל אַ קליין אייגענס געוואָרען — פיער הונדערט. האָבען זיי דאָס פּאַר קיינעם ניט אויסגעזאָגט, נאָר צוזאַמען געטראַכט, וואָס צו טהון פאַר׳ן געלד און ווי אַזוי עס זיכערער און נעהנטער צו זיך האַלטען. זיי האָבען זיך אָבער לאַנג ניט געקענט דערטראַכטען. ער פלעגט דאָס זילבער און קופּער אויף פּאַפּירלעך אויסבייטען און עס גוט און ווייט ביי זיך אין שטוב בעהאַלטען, ביז ס׳איז געקומען אַ רעיון ביי איהם אין מוח, האָט ער דאָס פריהער פאַר זיך אַליין אַרומגעטראַכט און דערנאָך האָט ער דאָס פאַר דעם ווייב אַרויסגערעדט מיט אַ האַלב לשון:

— מיר׳ן גאָר אַ שטוב קויפען, אַנ׳אייגען הויז...

— וואָס דאַרפסטו אַ שטוב? — האָט זי איהם געפרעגט.

— ניט דאָ — האָט ער איהר געזאָגט — אין שטעדטעל...

— געה שוין, געה... — האָט זי גלייך געענטפערט אפילו. נאָר ס׳איז איהר דאָך אַריין אין מוח: אַ בעל-הבית׳טע אין שטאָדט.

— מיר וועלען אין דאָרף סיי ווי סיי ניט פערבלייבען. — פלעגט ער דאָס בעסער ערקלערען פאַר זיין ווייב, רעדענדיג וועגען דעם, וואָס ס׳וועט זיין.

II.

דאָס איז ביי איהם אַ בעשלאָסענע זאַך געוואָרען. זי, דאָבעל, האָט אויך מסכים געווען. האָבען זיי ביידע אָנגעהויבען אָפטער אין שטעדטעל אַראָבקומען, כלומר׳שט גלאַט אַזוי אָנקוקען, אין דער שטיל, צווישען זיך, עפּעס אויפ׳ן וואָגען ריידען, אין שטוב — מעהר אויף דעם אייגענס אַכטונג געבען און מיט מעהר חשק אַ גילדען אָבשפּאָרען. פלעגט ער אַליין, בערעל, פאַרנאַכט אויפ׳ן שוועל פון זיין

דאָרפישע דירה זיצען, אַריינקוקען אין פעלד אַריין און ווי אַ שווע-ער, דיקער חלום וואָלט זיך אין פאַרנאַכט אומטראָגען, ביז אַ גוי פלעגט פאַרבייגעהן און זיך אָברופען:

— דאָברי וועטשער, בערקאָ...

לאַנג האָט געדויערט און ס׳איז נאָך גאָרניט אַרויסגעקומען. אַז דעם עלטסטען בחור׳ל איז געוואָרען 19 יאָהר, האָבען זיי איהם גע-דאַרפט געבען אויף דער הוצאה קיין אַמעריקאַ, ווייל וואָס צו טהון אין דאָרף האָט ער ניט געהאַט, איז דאָס אייגענס פיעל געמינערט גע-וואָרען. דאָס האָט זיי ביידען אָנגעשראָקען, אַז ס׳קען גאָרנישט פון זייער גוטס ווערען. און אַז צום צווייטען זוהן איז שוין אַ קאַרטע פון אַמעריקאַ אָנגעקומען, האָט זיך דעמאָלסט גראַדע געמאַכט, דאָס אין שטעדטעל האָט זיך אַ שטוב פערקויפט, האָבען זיי דאָס אָבגעקויפט.

נאָכדעם איז ביי זיי אויפ׳ן דאָרף, אין דירה, עפּעס לעדיג גע-וואָרען, פּוסט געוואָרען, ווי נאָך אַ חתונה, נאָר אין זיך איז צוגעקומען עפּעס וויכטיגעס, ערנסטעס. אַלע שמועסען זענען אַרום דער אייגענער שטוב געווען, מען האָט געדאַרפט לויפען אין שטאָדט אַלע ווײַלע, עפּעס אַרומזעהן, מיט עמיצען ריידען, אַ דירה פערדינגען — אַנ׳ענין.

— האָסט אַ קוק געטהון, דעם לאָדען האָט מען געדאַרפט דאָרט צוקלאַפּען... — רופט זיך אָב דאָבע-גיטעל, די בעלי-הבית׳טע, צו איהם.

— און דעם שלעסעל פון שטעלכעל האָב איך אויך פּערריכט, — ענטפערט ער איהר.

און ביידע האָבען זיי דערפיהלט אין זיך אַ חשיבות — ניט אומ-זיסט אָבגעמאַטערט זיך ביז גרויע האָר.

— מען דאַרף דאַנקען גאָט דערפאַר... — פלעגט ער צו איהר זאָגען, ווי דאָס וואָלט זיין איינגאַנצען זיין בריה׳שקייט.

דערווייל האָט זיך דער צווייטער בחור אויך אַוועקגעקליבען צו זיין ברודער אויפ׳ן ים, און אין שטוב זענען נאָר דריי טעכטער געבליבען מיט טאַטע-מאַמע.

— אַז גאָט וועט העלפען, די קינדער וועלען חתונה האָבען, וועלען מיר אין שטאָדט אַרויסגעהן... — האָט בערעל זיין ווייב דערצעהלט און דערווייל האָבען זי זיך ביידע געמאַטערט אויף דער שווערער פרנסה אין דאָרף, וואָס איז פון מאָל צו מאָל ענגער און ביטערער געוואָרען.

III.

איז דאָס אונגליק פון לעצטען יאָהר געקומען. ס'האָט קיין תחנונים ניט געהאָלפען און מען האָט מעהר אויף קיין שעה אין דאָרף ניט געקענט פערבלייבען. האַק און פּאַק אויפגענומען, מיט די גוים זיך צוזעגענט און אין שטעדטעל אַוועק — מען טרייבט.

— צווישען אידען, גאָט וועט ניט פערלאָזען... — האָט זיך בערעל געטרייסט און געהנט זיך אָן זיין אייגענער שטוב.

נאָר ס'איז דערפון גאָרניט אַרויסגעקומען — ס'איז ניט געווען פאַרוואָס זיך צונעהמען.

— וואָס טהוט מען דאָ? — האָט זיך דאָבע-גיטעל ביי איהם געבעטען.

— כ'ווייס, וואָס מען מאַכט... — האָט ער איהר געענטפערט.

איז דאָס די לייטישע עצה געווען: צו די קינדער געהן. גרינג צו זאָגען: ווי נעהמט מען דאָס און מען לאָזט זיך אַהינצו אַוועק? — אויף דער עלטער, שבת און יום-טוב, אַזאַ הוצאה... קאַרג האָט מען זיך אָנגעהערט וועגען דעם?

און די ערשטע האָבען דאָס אַרויסגערעדט די קינדער אין אַ בריעף: די שטוב פערקויפען... לכתחלה האָט דאָס אַ ריס געטהון ביים הארצען — נעהמען און פערקויפען... נאָר זייטיגע האָבען אָנגעהויבען ריידען און צוריידען, צווישען זיך שמועסען און די זאַך האָט זיך געלאָזט מעהר בעגרייפען.

און וואָס איז געווען נאָכדעם? — בערעל ווייס אַליין ניט גענוי. מען האָט זיך געטומעלט, געהאַנדעלט, געגאַנגען אַהער, אַהין, צו דעם, צו יענעם, בריעף זענען ווידער פון די קינדער געקומען, ביז ס'איז קלאָר געוואָרען פאַר'ן האַרצען איינס — מען פאָהרט צו די קינדער.

און שוין פאַר'ן פאָהרען, ווען „נח דער שוואַרצער" איז פון שטוב אַרויס, אויפ'ן האַרצען איז אזוי קאַלאַמוטנע און צורודערט געווען, אויף דר'ערד — די געבונדענע פּעקלעך, האָט בערעל אַרויסגענומען פון קעשענע זיין גרויסען דאָרפישען טייסטער, איהם אויפגעעפענט, נאָר אַ פּאָר רובל געפונען דאָרט און זיך צו זיין ווייב אָבגערופען:

— ווייסט, דאָבע-גיטעל, די שטוב איז דאָך שוין ניט אונזערע...

צעהן יאָהר.

I.

קיין יאָהר איז נאָך ניט געווען, ווי ער איז אַוועק אהינצו, קיין אַמעריקאַ און זי, דאָבע זיין ווייב, האָט שוין דערפיהלט, אַז ס׳איז מיט איהר ניט גוט.

אייגענטליך איז ביי זיי ניט גוט געווען פון ערשטען טאָג אָן. אַ חדש נאָך זייער חתונה איז שוין ניט געווען פון וואַנען צו לעבען. פון זייער קרן, פון די פופציג רובל, איז גיך גאָרניט געוואָרען. אָנגעגעבען האָט ער זיך ביים שדוך פאַר אַ בעל-מלאכה, פאַר אַ סטאָליאַר. ער האָט אָבער זיין מלאָכה ניט געקענט. קוים פיער רובל אַ וואָך גענומען בשעת ס׳איז אַרבייט געווען. דער שידוך גופא צווישען זיי ביידען איז געוואָרען עפּעס אין טומעל. איהר מאַמע, וואָס האַנדעלט אויפ׳ן מאַרק, איז צו יענעם סטאָליאַר מיט׳ן קוישעל אַריינגעקומען, האָט מען אַ המצאה געמאַכט, דערנאָך אַ געלעכטער, ווידער האָט עמיצער אַ פּאָר ווערטער געזאָגט, איהם מיט איהר צונויפגעבראַכט און ס׳איז אַ וואָכעדיגע, אָרימע חתונה געוואָרען.

זי האָט נאָך דער חתונה ווידער ביי די שמאַטעס זיך געשטעלט טהון — אין קאַלטען שפּייכלער פון אין דערפריה ביז ביי דער נאַכט, און אַז זי פלעגט קומען אין שטוב, פלעגט זי זיך שילטען מיט אַ הייזעריג און טעמפּ קול, און ער פלעגט מרוקען און אָבענטפערן, און ס׳איז ניט גוט געווען.

— וואָס נעהמסטו זיך אַזוי איבער, דער גרויסער פאַרשוין. וואָס דו ביזט! ...—פלעגט איהר אויס׳מוסר׳ן די מאַמע, ווען ס׳האָט, אַפּנים ווינציג געקימערט דער טאָכטער׳ס שדוך.

און זי, די טאָכטער, פלעגט זיך דערמאָהנען אָן איהר ניט שען פנים און מאוס אויסזעהן, דאָס שוואַרצע, צוריסענע קליידעל און די אַלטע, צולעכערטע און טונקעלע פאַטשיילע, פלעגט זי בייז ווערען און אַ שלעכט וואָרט אָבענטפערן. פלעגט זיך פון דער מאַמעס מויל נאָך ערגערס עפּעס אַרויסכאַפּען און זי פלעגט אויף גיך און מיט רוגזה די טהיר הינטער זיך צוקלאַפּען.

און ער, דער מאַן, יאָסעל, האָט זיך נאָר איינס אויסגעלערנט, וואָס ער פלעגט זיין ווייב, אסתר-פייגלען, אָבענטפערן:

— אסתר מגפה...

אַ פּאָר יאָהר נאָך דער חתונה זענען שוין ביי זיי צוויי קינדער געוועזן — צוויי אינגלעך מיט גרויסע קעפּ, שוואַרצע האָר און פער-שמירטע, שוואַרצע פנים׳לעך...

און דעמאָלסט האָט דאָס יאָסעל אָנגעהויבען ריידען וועגען אַמעריקאַ. ס׳איז ניט פון זיין קאָפּ געוועזן, און גערעדט האָט ער דאָס אַזוי, ווי עמיצער וואָלט איהם אויסגעלערנט און ער האָט דאָס נאָכ-געזאָגט:

— אין אַמעריקאַ וועל איך מאַכען אַ לעבען...

און ווייל ער האָט דאָס געזאָגט, האָט זי זיך דעריבער וועגען דעם געקריעגט מיט איהם, געזידעלט, געשאָלטען און ניט מרוצה גע-וואָרען:

— מען שיקט נאָך איהם, נאָכ׳ן גרויסען פערדיענער!...

און זי איז אַלץ געגאַנגען צו די שמאַטעס אין שפּייכלער אַריין. די קינדער געלאָזען זיך וואַלגערן אין שטוב, אָדער זיי מיט זין אַהינצו מיטגעשלעפּט און גילדענס אויף ברויט געבראַכט.

און ער, יאָסעל, האָט שוין אַ ברוין בערדעל געהאַט און פער-עלטערט פנים און ס׳איז אַזוי מאָדנע געוועזן, וואָס אַזאַ איד פערדיענט מעהר ניט, ווי דריי רובל אַ וואָך...

ס׳איז געוועזן, אַז אסתר-פייגעל איז אין דריטען קינפּעט געלע-גען און פון האַרצען איז אַ סך שווערעס און ביטערעס אָבגעלאָפּען איז זי ווייכער געוואָרען און צו איהם, צו יאָסלען, געזאָגט:

— ס׳איז טאַקע, יאָסעל, קיין תכלית ניט...

און מען האָט זיך אָנגעהויבען קלויבען קיין אַמעריקאַ.

זי האָט אין שפּייכלער גענומען פינף און צוואַנציג רובל פּאָר-אויס אויף אָבצואַרבייטען, צוויי קישענס האָט מען פערקויפט, ביי איהו

מאַמען צעהן רובל געליהען און ביים פעטער הערשעל זעקס רובל גע-קריגען. אויפגעזוכט, אויפגעשאַרט און לייזער חסדא׳ס אַוועקגעגעבען.

— זעה, יאָסעל, האָב אין זינען ווייב אין קינדער... — האָט זי זיך צעוויינט, אַרומקוקענדיג זיך, אַז זי בלייבט אַליין אין דער לעדי-גער און שוואַרצער שטיבעל מיט די דריי קליינע נפשות׳לעך.

און יאָסעל האָט קאַלט, פרעמד און בייז אַריינגעזאָגט:

— זייט געזונד... — און אַוועק.

און אַז ער איז אַוועק, האָט זי שוין מעהר פון איהם גאָרניט געוואוסט: וואו איז ער? וואָס איז מיט איהם? געדענקט ער ווייב און קינדער?...

אַליין האָט זי זיך געמאַטערט פאַר זיך און די קינדער. ס׳איז איהר שווער און ביטער געווען און געקרענקט האָבען די קינדער, און געוויינט, און אַרומגעריסען, און ניט אַרומגעוואַשען און ניט צוקאַמט.

און אַז ס׳איז שוין באַלד אַ יאָהר אַריבער, ווי ער איז אַוועק אַהינצו, און זי האָט נאָך פון איהם גאָרניט געהערט, האַט זי דער-פיהלט, אַז ס׳איז מיט איהר ניט גוט.

II.

אַראָבגעקומען איז דער בריעף ניט צו איהר. עוזר דעם רב׳ט איז געקומען רופען זי אין בית-דין-שטיבעל. אַ בריעף איז פון פילאַדעלפיע אַראָבגעקומען. „וויל זי נעהמען אַ גט — שרייבען לאַנדס-לייט צום רב — וועט ער איהר שיקען, אויב ניט, זאָל זי וואָס גיכער קומען מיט די קינדער, וואָרום ער פאָהרט אַוועק פון דאַנען...”

— וועה איז מיר!... אַ בראָך צו מיר!... — האָט זי זיך צויאָ-מערט ביים רב אין שטוב, אָנגעקוקט און עפעס פערשטאַנען. דער רב האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און גערעדט:

— אויב ניט גט — שרייבען זיי — דאַרפסטו פאָהרען אַהינצו...

און דערמיט איז זי אַוועק פון רב׳ס שטוב:

פאָהרען אַהינצו —

און דאָס האָט מען זיך גלייך דערוואוסט ביי איהר אין געסעל און זיך צולאַכט:

— יאָסעל — אויך אַ מאַכער!... אַל׳די קלאָגען צו זיין קאָפּ!...

און פאַר איהר האָט מען געפונען נאָר איינס צו זאָגען:

— פאָהרען אַהינצו...

זי האָט דאָס, אייגענטליך, ניט גוט פערשטאַנען, נאָך וואָס פאָהרען, וואָס טהון דאָרטען, נאָר ס'איז געוואָרען אַ זאַך, וואָס האָט זיך איינגעפרעסען, איינגעקלעפּט אין זיך, וואָס איז געשטאַנען פאַר די אויגען און געצויגען: פאָהרען אַהינצו.

האָט די די ערשטע פאָר וואָכען אומגעפּאַדט און געהאַוועט, דעם קאָפּ זיך געבראָכען, אַרויסשלאָגען זיך ניט געקענט, זיך אַליין און די קינדער מאָדנע שלעכט געשאָלטען און ביי די שמאַטעס געבליבען ווייטער שטעהן, פערבראָכען מיט די הענד און געכאַפּט זיך:

— איך בין דאָך אומגליקליך!... איך בין דאָך אַנ'עגונה!...

עס איז ניט פאַר איהרע כּחות געוועזן צו פאָהרען אַהינצו. אַ אָבגעוואָרפענע, אַ פערמאַטערטע איז זי געבליבען און ניט געקענט, ניט קיין כּח געהאַט צו דערשלאָגען זיך, אַרויסרייסען זיך.

און אַז ס'איז שוין אַריבער אַ היבש ביסעל טעג, אַ פּאָר חדשים, איז אין איהר געקומען אַנ'אָהן-שכל'דיגע, נאָר פעסטע בעשטימונג:

— איך וועל פאָהרען אַהינצו...

דאָס איז ווייט פעררוקט, פערשטעקט, נאָר זי וועט דאָס אָנטאַפּען, דערשלאָגען זיך און צוקומען.

און וואָס וועט זיין? — אַליין האָט זי ניט געוואוסט, אַהינצו דאַרף זי זיך לאָזען, זי מיט די קינדער, אַהינצו, פון וואַנען מען האָט דעם בריעף געשריבען.

פון יאָסלען איז מעהר גאָרניט געוועזן צום הערען. זי איז ווייטער אַוועק צו די שמאַטעס און פון טאָג ביז פינסטער דאָרט געוועזן און געקליבען, און פאַנאַנדערגעטיילט, און אָבגעוואָרפען, און אויסגעשטויבט...

זי מיט איהרע קינדער האָבען זיך אין די פערשטויבטע שמאַטעס געוואַלגערט. און געקליגט האָט זי זיך נאָך אָבכאַפּען פון איהר פערדיענסט אַ גילדען, צי עפּעס מעהר, צי עפּעס ווייניגער, און אָבלעגען, אָברייסען. זעגען טעג אַוועק, חדשים, קיינער האָט ניט געוואוסט דערפון, נאָר זי איז אַ „גביר'טע" געוואָרען, אַ רובל צו אַ רובל צוגעלייגט: זעקס, און אַכציג רובל, זיעבען און אַכציג רובל, אַכט און אַכציג רובל... איינס צו איינס האָט זי געקליבען.

איהר פּנים איז שוואַרצער, פערעלטערטער און פער'דלות'טער געוואָרען. איהר טוך האָט זי פון איהרע אַקסלען ניט אַראָב-

גענומען, דאָס שוואַרץ און אָבגעטראָגען קליידעל איז די זעלבע געווען, נאָר שטעהענדיג אין שפּייכלער ביי די שמאַטעס, פלעגט זי זיך פער־טראַכטען, עפּעס פערזונקענעס פלעגט זיך דורכרייסען און קוים אָנ־ריהרען:

— פאָהרען אַהינצו...

און געמאַטערט האָט זי זיך, שווער און לאַנג געמאַטערט זיך און אָבגעשפּאָרט און צונויפגעקליבען איינס צו איינס.

III.

צעהן קיילעכדיגע יאָהר זענען אַוועק ביז זי האָט געקענט ביי זיך צונויפציילען:

— דריי הונדערט זעקס און זעכציג רובל...

האָט זי אָנגעהויבען געהן וועגען שרייבען אַ בריוועל צו עמיצען, צו אַ שכן, וואָס האָט אַמאָל אין יענעם געסעל געוואוינט, צו דער מוהמעס קינדער, וואָס זענען שוין דאָרט יאָהרען...

און אַז די שכנות האָבען זיך דערוואוסט, אַז אסתר־פייגעל קלויבט זיך שוין אַהינצו, האָבען זיי אין איהר שווער האַרץ זיך דער־מאָהנט, צוגערעדט און אַריינגעוואָרפען:

— ער איז שוין דאָרט אַודאַי אַנ׳עושר געוואָרען...

און זי האָט ניט געוואוסט, צי איז ער דאָרט יאָ אַנ׳עושר גע־וואָרען, צי ניט, זי האָט אפילו ניט געוואוסט אויף געווי, וואו ער איז, נאָר דאָס האַרץ איז פערקלעמט געווען און בלינד.

— גאָט וועט אַייך העלפען... — האָט מען איהר געטרייסט און געמונטערט.

איינגעוויקעלט, אַיינגעבויגען, איינגעדעקט אין איהר אַלטער טוך איז זי גיך איבער׳ן גאַס געגאַנגען, מיט אַ מאָדנע עקשנות אין גאַנג, אין די פּלייצעס, אַ פערביטערטקייט, וואָס האָט קיין זין ניט, קיין שכל באָר פעסט און פערהאַרטעוועט:

— אַהינצו.. אַהינצו...

אַליין, אָהן קיינעם, איז זי אַוועק צו לייבע קריינעס דעם „שוואַרצער". פעסט אַריינגענומען אין איהרע דארע הענד האָט זי איהר גאַנץ פערמעגען, געהאַלטען, געלעגט אויפ׳ן טיש און געצעהלט, לאַנג

געצעהלט, פּאַפּירעל, צו פּאַפּירעל געציטערט איבער דעם און צוריק גענומען און ווידער אַוועקגעלעגט און צו לייבען גערעדט:

— אין צעהן... אין צעהן יאָהר... מיט'ן ביטערן שוייס...

זי האָט ניט, ווי אַנדערע ווייבער, נייע טיכער זיך געקויפט, נייע וועש גענעהט, ווייסע כלים זיך אַיינגעשאַפּט, זי האָט נאָר איהר אַלט, אָרימקייט צונויפגעפּאַקט, אַיינגעבונדען און איהם, לייבען, אַוועקגע-געבען.

און געקומען זעגענען זיך מיט איהר איז איהר אַלטע נידעריגע און דערשלאָגענע מאַמע. זי האָט געוויינט, געזיפצט און גערעדט צו זיך:

— אָי, נחת מיינע, רבש"ע!...

און אין יענער נאַכט האָט זי לייבע צוגענומען מיט די קינדערלעך און פּערטראָגען אין דער וויטענס...

געגאַנגען די גרענעץ.

אין דער עמיגראַציאָנס-ביוראָ איז שוין געווען פול. די פריש-אָנגעקומענע האָבען שוין געמוזט שטעהן און וואַרטען פון דרויסען. דורך דער שמאָלער טהיר'ל פון אויפנאַהמס-צימער זענען דורכגעגאַנגען אַלץ נייע און נייע מענשען, ווייבער, מיידלעך, בחורים, טאַטעס, זיידעס — אַ פּאָנאָראַמע פון אַ משונה'דיג, צושטויסען, צובראָכען לעבען.

די טהיר האָט זיך שוין צום דרייסיגטען מאָל געעפענט און ס'איז אַריינגעקומען אַנ'עלטערער איד פון אַ יאָהר צוויי-דריי און זעכציג. ער האָט פּאַוואָליע הינטער זיך צוגעמאַכט די טהיר, צוגעקומען צום טיש, לייכט אַריינגעשמייכעלט אין זיין לאַנגער גרויער באָרד, וואָס האָט איהם דעם אָנבליק פון אַ דין געגעבען, און געמאַכט:

— איהר מעגט זיי דאָרט לאָזען וואַרטען, זעצט זיך, זייט מוחל, אַוועק און לאָמיר אָקאָרשט אַייך געבען „שלום-עליכם"... זיי מעגען דאָרט אויפציהען אַ ביסעל... איהר האָט מיך, אודאי, שוין גאָרניט דער-קענט. קיין חדוש ניט, קרוב צוויי-דריטהאַלבען הדשים צוריק בין איך געווען, געקליבען זיך אַלץ אין וועג אַריין און איך בין דאָך טאַקע דעמאָלסט אַוועקגעפאָהרען...

איהר ווייסט דאָך, איך האָב גאָר קיין חשק ניט געהאַט אַהינצו צו פאָהרען. מ'שטיינס געזאָגט, ביי די עלטערע יאָהרען, און איך האָב טאַקע אַזוי צו די קינדער געשריבען. זיי האָבען אָבער דעם טאַטען דוקא געוואָלט אַראָבנעהמען, היינט, אַז איך וויל ניט, איך האַלט ניט דערביי און ס'געהט מיר אינגאַנצען ניט, און אַז זיי וועלען מיר אַריינ-שיקען אויף דער הוצאָה, וועל איך דאָך נעהמען די פּאָר רובל און מאַכען דאָ דערפון אַ תּכלית, לעבען דאַרף מען דאָך. איז וואָס אַזוינס,

מיינט איהר, טהוען די קינדער? — זיי נעהמען מיך ממש אויף די הענד אַהינצו, איך מעג פערמאַכען די אויגען און מען וועט מיך שוין ברייגגען. זיי בעזאָרגען מיר פון אַלף ביז תיו.

„מיר האָבען בעצאָהלט פאַר אַלץ — שרייבען זיי — ס'וועט קומען אַ מענש צו דיר אין שטוב און וועט דיך נעהמען, פיהרען און בריינגען צו אונז".

וואַרט איך אויפ'ן מענשען. וואַרט איך אַזוי לאַנג, ביז ס'איז אַראָבגעקומען ניט קיין מענש, נאָר אַ פערמאַכטער בריעף פון דער חברה, איהר מעגט דאָך וויסען, פון דעם מאַקסען, פון דעם ווייכערמאַן —

אָי, איז דאָס אַ מאַקס!

ניט געכאַפּט, כסדר. שרייבט מען מיר אין יענעם בריוועל אַ שענע הקדמה, אַז אַלץ איז על צד היותר טוב, איינגעאָרדענט, איינגעשטעלט, איך דאַרף זיך נאָר אויפהויבען און פאָהרען אין לובלין און אויף דער הוצאה שיקט מען מיר 6 רובל.

אַז איך וועל אַראָבקומען אין לובלין, דאַרף איך פערפאָהרען אין אַנ'אַכסניה, וואָס איך וויל ניט פורש בשמה זיין: אַ איד האָט דאָך אַ חיונה און האָט ווייב און קינדער. אַז איך וועל אַריינקומען אין אַכסניה און מען וועט מיך אַ פרעג טהון מה שמי, דאַרף איך זאָגען, אַז איך הייס: „דריי און זעכציג". נאַ דיר אַנ'אויסטראַכטעניש אויף דער עלטער: ניט בערעל, ניט ר' בער, ניט דוב, נאָר — דריי און זעכציג.

נאָר וואָס אַרט דאָס מיך? — זאָל זיין אַזוי. לאָז איך מיך אַרויס אין לובלין אַהינצו אין יענער אַכסניה. קומט אַ איד אין אַכסניה, דרעהט ער זיך דאָך אַרום אַהער, אַהין. וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט מען? פון וואַנען פאָהרט מען, ווי הייסט מען? — אַודאי איז שווער צוזאָגען יענעם, אַז אַ נאָמען האָסטו, וואָס הייסט „דריי און זעכציג". ס'לעגט זיך ניט אין מויל אַריין, נאָר איך זאָג דאָך מיין כשר'ען נאָמען: דריי און זעכציג. שטעלט אויס יענער אַ פּאָר אויגען. קוקט אויף מיר, קוקט אויף זיך, קוקט אויף די זייטען. וואָס איז? וואָס האָט געטראָפען?

— סטייטש, סטייטש — זאָגט ער, איהר זאָגט, אַז איהר זייט דריי און זעכציג באותה שעה, אַז איך, איך בין דאָך דריי און זעכציג!

קורץ דערפון, מיר האָבען זיך אַרומגעזעצט אַרום אַ טיש, מען האָט דערלאַנגט אַ גלעזעל טהיי, און מיר זיצען שוין ניט זאַלבעצווייט

און ניט זאַלבעדריט און ניט זאַלבעפיערט — זיעבען פאַרשוין זיצע מיר און אַלע — „דריי און זעכצ־ג״.

ערשט עס עפענט זיך די טהיר און ס׳קומט אַריין אַ אידענע מיט אַנ׳עופה׳לע פון אַ יאָהר אויפ׳ן האַנד און — אויך „דריי און זעכציג!״ זענען מיר אַלע „דריי און זעכציג״ און מיר פערשטעהען זיך איינס אויף דאָס צווייטס זעהר גוט.

— הייסט דאָס, פאָהרען מיר... — מאַך איך צום עולם.

און ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט, ביז פאַרנאַכט, און מען איז געקומען אונז אַלעמען נעהמען.

— מיר האָבען אַ גרענעצ מיט׳ן באַהן... — זאָגט מען אונז און משמעות, אַז מיט׳ן באַהן איז דאָס זעהר גוט.

פאָהרען האָט מען געהייסען צוויי סטאַנציעס און אויף דער דריטער זאָלען מיר אַראָבשטייגען און דאָרט וועט מען שוין האַלטען גאַנץ גוט.

ווילען מיר דאָך, אַז דער געלער אידעל, וואָס זאָגט אונז אַלץ אָן, אַז ס׳וועט זיין גוט, זאָל פאָהרען מיט אונז און ס׳זאָל איהם אויך זיין גוט, אָבער ער רוקט זיך אַרויס. ער, זאָגט ער, דאַרף ניט פאָהרען, פאָהרען דאַרפען מיר. און דאָרטען טענות אַ סך קענען גאָרניט העלפען — פאָהרען מיר אַליין ביז דער דריטער סטאַנציע.

אויף דער דריטער סטאַנציע איז שוין געווען אַ זייגער צוועלף. דרעהען מיר זיך אַרום זאַלבעאַכט, צוזאַמען מיט דער אידענע, מיט׳ן עופה׳לע אויפ׳ן וואָקזאַל, ביז ס׳איז אַזוי ווי פון דר׳ערד אויסגעוואַקסען אַ אידעל מיט אַ לאַנגען בייטש און פרעגט ביי אונז:

— „דריי און זעכציג?״...

— „דריי און זעכציג״... — ענטפערן מיר בקול אחד.

און מיר פאָהרען שוין מיט אַ בויד. אונזער גאַנצע חברה — טורמעניקעס, „קאָנטראַבאַנדיסטען״.

זענען מיר זיך אַזוי געפאָהרען, ביז ס׳איז זיך פאַמעלעכקע געוואָרען גרוי אויף טאָג, און אויסלאַנד איז נאָך — עט, עט, עט!

פיהרט מען אונז צו אין אַ דאָרף אַריין, צו אַ גוי אין שטוב, אַז מען פיהרט, געהען מיר. אָבגעזעסען זענען מיר דאָרט אַ גאַנצען טאָג, מחמת בשעת ס׳איז טאָג, ס׳איז ליכטיג, טאָר מען ניט פיהרען. און מיר האָבען קיין לעק וואַסער ניט געהאַט אין מויל. ווער ס׳האָט געהאַט זיין פעקעלע האָט עס אויפגעפאַקט, אַרויסגעשלעפט אַ אוגערקע

אַ שטיקעל הערינג. מיר זענען אַזוי אַרייַנגעזעסען, ביז ס'איז פינסטער געוואָרען. שוין פינסטערליך, האָט מען זיך אָן אונז דערמאָהנט און אַ גוי איז געקומען נאָך אונז.

— פ אַ ר ד אָ ס אָ וועט איהר געבען צו ר ב׳ מיט פופציג קאָ-פּיקעס...

„פאַר דאָס", פאַר וואָס? — משמעות פאַר'ן זיצען דאָרטען. אַי, וואָס איך האָב דאָך די גאַלע בריעף פון מאַקס'לען, איך זאָל ניט גע-בען קיינעם קיין פרוטה, עס איז שוין אַלצדינג בעצאָהלט און בע-זאָרגט?...

— נאָר געה ווייז דעם גוי'עשען בעל-הבית די בריוועלעך. — אַנ'עברה די צייט: מיר האָבען, במחלה, געצאָהלט.

האָט מען אונז אָנגעהויבען פיהרען. וואָלט מען פיהרען איבער פעלדער, איבער מדבריות, איבער גרענעצען, איז נאָך ניט אַזוי. דאָס פערשטעה איך. פיהרט מען אונז אָבער גאָר אין מיטען נאַכט איבער יועלדער, וואַלד-אַיין, וואַלד-אויס — ווי איהר קוקט מיך אָן, איז גע-ווען אין אונזער עולם, אויסער דאָס ווייבעל מיט'ן עופה'לע, נאָך אַזאַ בחור, ווי איך, ניט קיין גרויסע בריות אויפ'ן געהן. אַ גבורה אָבצוגעהן אַ האַלב וויאָרסטעל, דאַרף מען זיך אויך צוזעצען אָברוהען. געהען מיר אָבער וויאָרסטען — מיר געהען דאָך דעם גרענעץ. ניט קיין גוזמא וועל איך זאָגען: מיילען געגאַנגען.

געהען מיר דאָך, ריידען טאָר מען ניט, דוכט זיך אָב, אַ מענש געהט, ס'איז גאָר אַ קוסט, דוכט זיך אָב, עמיץ לויפט, צורוקט מען זיך הינטער די בוימער, און ס'איז אַ קעלט, עס נעהמט דורך די ביינער. ערשט אונזער גוי שטעלט זיך אָב אין מיטען, קוקט אַהער, אַהין, זוכט מיט די אויגען, געהט אָב רעכטס און לינקס, הינטער זיך און צוריק, קוקען מיר אויפ'ן גוי'ס כשוף. וואָס מאַכט ער דאָ?

מיינט איהר וואָס? — עמיץ האָט איהם דאָ געדאַרפט אַרויס-קומען און אונז איבערנעהמען. איהר זעהט עמיצען? — אַזוי האָבען מיר געזעהן. עס איז ניטאָ קיין לעבעדיגער נפש אַרום און אַרום. הייסט דער גוי וואַרטען און מיר וואַרטען צוזאַמען. עס איז אָבער וואַרטען מאוס געוואָרען און דער טאָג רוקט זיך שוין באַלד אונטער. מאַכט דער גוי צו אונז:

— עולם, מיר'ן געהן צוריק!...

ווילען מיר דאָך מסתמא ניט געהן. לאָזט ער אונז איבער און געהט

ויך אַליין. פאַמעליכקע האָבען מיר זיך אויך אומגעקעהרט און געהען שוין נאָך איהם. וואָס דען, מיר'ן בלייבען?

האָט ער אונז געבראַכט אין אַ צווייטען דאָרף. צוגעפיהרט צו אַ באַטע מיט'ן גרויסען הויף. ווילען מיר דאָך אַריינגעהן אין שטוב, נאָר ניין, אין שטוב לאָזט מען ניט אַריין. אונזער גאַנצען עולם האָט מען צוגעפיהרט צו אַ שטעלכעל און אונז אַריינגעשטופט. גיבען מיר אַ קוק, וואו האָט מען דאָ אונז געבראַכט — גאָר אין אַ חזירים-שטעלכעל.

הויבען מיר דאָך אָן צו מתרעם זיין, האָט מען, ווייזט אויס, פערשטאַנען אונזער גערעכטיגקייט, און מען האָט אונז אַרויסגענומען פון שטעלכעל און אַריינגעפיהרט — אין אַ שטאַל, אין אַ בהמות-שטאַל.

איך האָב אָבער ניט געקענט דאָרט זיצען. בין איך אַרויס און געזעצט זיך אויף אַ שטיין נעבען שטאַל, ס'איז אָבער אַ צו-גרויס פערגניגען. איז צוגעקומען דער גוי און מיר אַריינגעטריבען אינעווניג.

ער הייסט, פערש[illegible] זיך, שווייגען, ער האָט מורא, מען קען דערהערען. מיר, גרויסע מענטשען, שווייגען, אָבער דאָס קליין קינד וויל דעם גוי ניט הערען, מאַכט עס געשרייען, אַז מען האָט, לויט מיין שכל, געמעגט דערהערען אויפ'ן סאַמע גרענעץ.

גאָט צו דאַנקען, אַריבער בשלום. אָבגעזעסען ביז ביינאַכט און ס'האָט גאָרניט געטראָפען. ביינאַכט איז שוין געקומען יענעם גוי'ס זוהן און ער וועט אונז פיהרען.

זאָל זיין ער. פיהרט ער אונז. מיר געהען שוין ווייטער, עולי-רגל. אָבגעפיהרט אַ שעה, צווי, נאָך איינע און נאָך איינע, ביז מיר זענען אַלע צוזאַמען געבליבען שטעהן, אַרומגעקוקט זיך פון אַלע זייטען .. דערהערט טריט, אַ שאָרך אין קוסטעס, זענען דאָך אַיינגעפאַלען די דמים.

— אַנ'אונזעריגער, אָהן מורא... — טרייסט אונז דעם גוי'ס זוהן. איז צוגעקומען דער אונזעריגער צו אונז — אַ סאָלדאַט.

קדם כל דאַרפען מיר אַלע געבען צו האַלבען פויגעל. מיר האָ-בען דאָס גערן געטהון, זאָל ער נאָר נעהמען, אַ סאָלדאַט און — נעהמט. דערנאָך זאָגט מען אונז, אַז מיר זאָלען אונטערוואַרטען אויף איין אָרט אַ האַלבע שעה, נאָך דער האַלבער שעה זאָלען מיר אָנהויבען געהן לינקס, וועלען מיר צוקומען צו אַ וואַסער-מיהל. ביים וואַסער-מיהל וועלען מיר געפינען אַ וועג, זאָלען מיר געהן מיט דעם וועג, וועלען מיר שוין קומען קיין עסטרייך.

און תוך כדי דבור געהען זיי אַוועק ביידע. אויף איין זייט איז אַוועק דער גוי און אויפ'ן צווייטען — דער סאָלדאַט.

און מיר, אַכט פאַרשוין, די חברה „דריי און זעכציג", זענען געבליבען אַליין אין וואַלד.

אָבגעוואַרט אַ האַלב שעה, זענען מיר אַוועק זוכען דעם וואַסער-מיהל. אַ וואַסער-מיהל דאַרף מען דאָך עפּעס אַרויסזעהען, דאַרף מען דאָך עפּעס הערען און דאָ — גאָרניט.

— דאַכט זיך אַ וואַסער-מיהל! — זאָגט איינער פון דער חברה.

יאָ, ס'איז אַ בוים און מעהר גאָרניט.

— אָי, אַ וואַסער-מיהל... — צוקוויטשעט זיך די אידענע, וואָס האַלט דאָס קינד אויפ'ן האַנד.

וואו? וואָס? וועלכער מיהל? — נעכטיגע טעג.

מיר זענען אָבער יאָ דערקראָכען און טאַקע צו אַ טייך, און טאַקע — אַ וואַסער-מיהל אויך.

וואו איז אָבער דאָס וועגעל? — איהר זעהט עפּעס? — מיר אויך ניט. ניטאָ קיין וועגלעך. קריכען מיר אַהער, אַהין און, הערט אַ מעשה, דערטאַפּט — ס'איז דאָ אַ וועג, מיר זענען געהאָלפען.

דער פרעמדער זומען.

I.

געוועזן איז דאָס שוין מיט יאָהרען צוריק.

זי, זיין מאַמע, איז נאָך דעמאָלט אַ מיידעל געוועזן. טאַטע-מאַמע האָבען נאָך אין בויאַנאָווקע די אַרענדע געהאַלטען און זענען אויפ׳ן דאָרף געזעסען.

איז דאָרט מיט איהר, מיט שרה׳לען, גאָר אַנ׳אונגלויבליכע זאַך פאָרגעקומען.

זי האָט זיך פערליעבט אין סאָטסקי׳ס שייגעץ. אַ פראָסטער שייגעץ געוועזן, מיט קליינע גרויע אויגעלעך און אַ שווערען נאַרישען געלעכטעריל. געוואוינט האָבען זיי אַ שטוב ביי אַ שטוב.

פלעגט זי פאַר-נאַכט ביים וועלדעל איהם אָבוואַרטען, פלעגען זיינע אויגעלעך, דערזעהענדיג זי, גויעישדיג שמייכלען און שפריצען פייערליך פון הנאה און תאוה.

ביז די חרפה איז געוואָרען ענטפלעקט.

לייט האָבען שוין געטייטעלט מיט די פינגער. די שקצים פון דאָרף האָבען חוזק געמאַכט און דעם סאָטסקי׳ס שייגעץ מקנא געווען. שרה׳לע האָט מיט ביטערע טרעהרען אין אַלקעריל געוויינט.

שרה׳לעס טאַטע איז אַ שטילער און שוואַרצער איד געווען. ער איז באַלד קראַנק געוואָרען און שפּעטער אַ ביסעל — פון דער וועלט אַוועק. די מאַמע האָט אויף איהר טאָכטער רחמנות געהאַט און אויף זיך אַליין, האָט זי אין די נעכט איהרע טרעהרען אויסגעוויינט און איז אין צווייען עלטער געוואָרען.

דעמאָלט האָט זיך משפחה געלעגט און מען האָט שרה׳לען פאַר

לייזער׳ן חתונה געמאַכט. שרה׳לע איז נאָך דעמאָלט אַ יונג מיידעל געווען און לייזער — אַ מאוסער איד מיט אַ גרויסער באָרד. שרה׳לע האָט אונטער דער חופה געוויינט. ווער ווייס — פאַרוואָס? — צי ווייל זי האָט דעם שדוך ניט געוואָלט, אפשר האָט זי נאָך דעם סאָטסקי׳ס שייגעץ ליעב געהאַט, צי גאָר ווייל זי האָט זיך געריכט אין פינף חדשים אַרום אין בעט אַריין...

און אַזוי איז טאַקע געווען — פינף חדשים נאָך דער חתונה האָט זי דעם סאָטסקי׳ס אייניקעל געבוירען — מיכל׳ען.

II.

זענען יאָהרען אַוועק.

זינט דאָס קינד איז אויף דער וועלט אַראָבגעקומען, זינט זיין קול׳כעל האָט זיך צווישען די פיער וועגד דערהערט, זינט זיינע בלויע אויגען האָבען זיך איבער דער שטוב אָנגעהויבען וואַרפען, איז די שטוב עפּיס געוואָרען אַנ׳איבערגעקעהרטע.

— מאַמע!... מאַמע!... — פלעגט דאָס קינד אויף אַ אונגעלומפּערט הויך קול שרייען, דערזעהענדיג דעם טאַטען, דעם אידען מיט דער באָרד.

לייזער האָט דאָס קינד פיינט געהאַט.

— דער גוי׳טשיק — פלעגט ער איהם רופען און ס׳פלעגט איהם ניט קימערן, אַז דאָס קינד פלעגט פון שטוהל אַראָבפאַלען, דעם קאָפּ צושלאָגען, אַ פינגער אַיינשניידען.

די מאַמע האָט דאָס קינד ליעב געהאַט, נאָר קיינמאָל קיין הויך וואָרט ניט גערעדט, קיינמאָל לייזער׳ן ניט איבערגעשפּאַרט און דאָס קינד נישט געהאַלטען פאַר די אויגען זיינע.

אַ בייזע שטומקייט איז איבער דער שטוב אומגעגאַנגען.

און דאָס קינד, מיכל, איז אומגעלומפּערט געוואַקסען — דאַר, ווילד און בלאָנד: ניט אין לייזער׳ן און ניט אין שרה׳לען געראָטען... ווען דער טאַטע פלעגט אין שטוב קומען, פלעגט ער פון שטוב זיך אַדויס־רוקען אָדער קלויבען זיך אין שאַפע אַריין אָדער אין אַ ווינקעל ערגיץ. אַמאָל פלעגט ער צו יחיאל דעם בעל-עגלה אין שטאַל אַריין און אַ נאַכט אויפ׳ן וואָגען אָבשלאָפען...

אַמאָל האָט מיכל דעם טאַטענ׳ס טלית אויף דר׳ערד אַראָבגע־

וואָרפען, האָט ער איהם מיט אַ מאָדנער רציחה געשלאָגען און גע־הרג׳עט:

— גוי... ממזר, — האָט לייזער געשריען.

מיכל איז שוין דעמאָלט אַ יאָהר אַכט — ניין אַלט געווען, האָט ער זיך פון טאַטענס הענד אַרויסגעריסען, דעם טיש איבערגעקעהרט און פון שטוב אַנטלאָפען...

איז ער צו צו אַ יונגעל און געבעטען:

— טראָג מיר אַרויס אַ שטיקעל ברויט...

האָט איהם יענער ניט אַרויסגעטראָגען. פיינט געהאַט האָבען איהם אויך די יונגלעך — ער פלעגט זיך כאַפּען אָפט זיי שלאָגען. דערנאָך איז ער צוויי טעג אין שטוב ניט געווען, ערגיץ זיך אומגע־וואַלגערט, ביז די מאַמע האָט איהם אויסגעפונען און טרעהרען זענען ביי איהר אין די אויגען געשטאַנען.

— דער טאַטע איז אַ שלעכטער... אַ בייזער, — האָט זי צו איהם גערעדט.

און דער קליינער מיכל האָט זיך דערמאָהנט, ווי דער טאַטע האָט איהם אַזוי שטאַרק געשלאָגען, ווי צוויי טעג האָט ער זיך אום־געוואַלגערט און קיינער פון די יונגלעך האָט ניט געוואָלט איהם א שטיקעל ברויט אַרויסטראָגען, האָט ער זיך צעוויינט מיט אַזאַ כליפּענ־דיג קול, עפּעס גאָר, ווי אַ גרויסער מענש:

— מאַמע... פאַרוואָס שלאָגט מיך דער טאַטע?...

און מיכל האָט דאָס טאַקע ניט פערשטאַנען. אַ גיפטיג שלעכטס וואַקסט אין האַרצען און מיט מאָדנע בליקען קוקען זיי איינע אויף די אַנדערע: דער טאַטע אויפ׳ן זוהן, דער זוהן אויפ׳ן טאַטען, און די מאַמע — אויף זיי ביידען...

III.

אַ גוטע מאַמע האָט שרה׳לע געהאַט.

געוואוסט האָט זי, די מאַמע, אַז שלעכט איז דאָרט איהר איי־ניקעל, דעם קליינעם מיכלען.

האָט זי אויף איהם רחמנות געהאַט.

איז זי געקומען צו שרה׳לען, איהר טאָכטער, אין אַזאַ צייט, ווען מען טרעפט ניט לייזער׳ן אין שטוב און זי האָט געזאָגט:

— אַכט הונדערט לאָז איך דיר פאַר איהם, פאַר מיכלען... איך בין שוין אַנ'אַלט מענש...

און אַז די מאַמע איז אַוועק, האָט זיך שרה'לע ביטער צעוויינט. צי האָט זי רחמנות געהאַט אויף דער מאַמען, צי האָט איהר דאָס האַרץ וועה געטהון פאַר איהר מיכלען? — ווער ווייסט...

שרה'לע האָט אָנגעהויבען מיכלען אין די ביכלעך צו לערנען. האָט ער זיך געמאַטערט, געהאָרעוועט, גערעדט מיט זיין פרעמדליכען, אונהיימליכען און מאָדנעם קול'כעל....

האָט לייזער ניט געקאָנט פערטראָגען, וואָס דאָס קינד טומעלט דאָרט און ברענט גאַז אומזיסט. פלעגט ער אויף שרה'לען שרייען, בייזערן זיך און מרוקען.

— מרשעת... אויסוואורף... זונה! — פלעגט ער שרייען אויף שרה'לען.

קומט מיכל אין טהיר אַריין אַנ'אָנגערויטיגטער, מיט גיפטיגע בלויע אויגעלעך, און קוקט מיט אַזאַ רציחה אויף זיין טאַטען.

— אָט איז ער, דיין ממזר, — וויזט אויף איהם אָן לייזער און געהט צו זיך אין צימער אַוועק.

שטעהט מיכל און קוקט אויף זיין מאַמען, אויף איהרע אויגען, וואָס זענען מיט טרערען פערלאָפען. ער פערשטעהט דאָ גאָרניט, נאָר ס'ציטערט אין איהם אינווייניג אַ ביטער געפיהל, ס'ווילט זיך שלעכטס טהון דעם טאַטען, דעם אידען מיט דער באָרד, ביי-נאַכט אונטערצינדען זיין בעט, די שאַפען אויף איהם אומוואַרפען...

— מאַמע, פאַרוואָס האָט ער געשריען?

— איך ווייס ניט...

— פאַרוואָס רופט ער מיך ממזר?

— הער זיך נישט איין, וואָס ער רעדט...

אַזוי האָט זיך דאָס לעבען געוועבט אין דער שטוב. שטיל, קאַלט און אַ שנאה איז געוואַקסען אין די הערצער, וואָס ווייטער, אַלץ מעהר אונבעגרייפליכער, אונערקלערבאַרער, נאָר טיעפער און פינסטערער.

מיכל איז שוין דעמאָלט אַלט געוועזן אַ יאָהר פערצעהן. עפּעס איז אין שטוב פאָרגעקומען. דער טאַטע האָט די טעלער פון טיש געשליידערט, איהם, מיכלען, מיט אַזעלכע מאָדנע נעמען אָנגערופען. האָט זיך ביי מיכלען דאָס בלוט צוקאָכט, די אויגען האָבען געגליהט. ביי איהם אויפ'ן פענסטער איז געשטאַנען אַ פלעשעל, האָט ער עס אַ

האַפּ געטהון, אין שטוב אַריינגעלאָפּען און עס דערלאַנגט אַ זעץ אָן דר׳ערד, איז שטעהן געבליבען, פּערריוויטיגט, פּערווילדעט, צומישט און בעת מעשה ניט געדענקט געגוי, וואו ער איז.

— וואַרט נור... וואַרט, ממזר... געפּילדערס נאָר מאַכען!.... ס׳געדענקען ביי מיר!...

און לייזער האָט איהם אַ הילכיגען פּאַטש געגעבען, אויף דר׳ערד אומגעוואָרפען און אַ שטויס געגעבען.

— ווּעסט וויסען... ווּעסט...

און ס׳א׳ז אַ מאָדנע זאַך געשעהן: מיכל האָט צוריק דעם טאַ-טען געשלאָגען, האָט זיך די מאַמע אַריינגעריסען, האָט ער איהר אויך אַ שטויס געטהון. דעם טיש אומגעוואָרפען, מאָדנע געשריען, און אַז דער טאַטע איז אַוועק אין זיין חדר, מיט אַ האָלץ ביים טאַטען אין טהיר געשלאָגען.

אין שטוב אין שטיל געוואָרען. אַ גאַנצען טאָג האָט שוין מעהר קיינער קיין וואָרט ניט גערעדט. די מאַמע, שרה׳לע, איז נאָר ביים פענסטער געזעסען, אַרויסגעקוקט און געזיפצט פאַר זיך: ווּעה... ווּעה...

פון דעמאָלט אָן האָט זיך מיכל אָנגעהויבען אויפפיהרען אויף אַ נייעם שטייגער. וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער געטהון — קיינער האָט איהם ניט געשטערט. דער טאַטע לייזער פלעגט איהם אויסמיי-דען, כמעט מורא געהאַט פאַר איהם. אָפטער פלעגט מיכל גאָרניט קומען נעכטיגען און גאָרניט דערצעהלען, וואו ער איז געוועז. זיינע ביכלעך האָט ער כמעט אינגאַנצען פערוואָרפען.

ווי אַ ווילד גראָז איז ער אין דער שטוב געוואַקסען — עפּעס אַ ווייטער, אַ פרעמדער...

אין שטוב ברענט די גרויסע לאָמפּ. פון טאַטענס צימער טראָגט זיך אַרויס אַ קרעכץ, אַ הוסט, אַ סקריפּ פון בעט. די מאַמע זיצט איינ-געוויקעלט אין איהר טוך, זיצט און שווייגט און — מעהר איז קיינער ניטאָ.

טרעפּט, אַז מיכל איז ביי זיך אין צימער, קומט ער ארויס, שטעלט זיך אויפ׳ן שוועל — אַ גרויסער קאָפּ מיט בלאָנדע האָהר. אַ דאַרער מיט אַנ׳אויסגעצויגענעם האַלז, קליינע אויגעלעך און אַ בלייך-ווייס געזיכט — שטעהט ער און שווייגט און קוקט אויף זיין מאַמען און עס פלאָנטערן זיך ביי איהם מאָדנע רעיונות און פערדאַכטען...

שטעהט ער, ווי אַ פרעמדער, אַנ'אָנגעקומענער, נאָר ס'טהוט איהם עפּעס באַנג, ס'פּערקלעמט דאָס האַרץ.

— מאַמע, — רופט ער זיך אָן.

קעהרט זיך די מאַמע אום. דערזעהט זי איהם, קאָן זי זיך עפּעס ניט איינהאַלטען און צוכליפּעט זיך שוידערליך.

אָבער קיינער געהט צו איהר נאָהנט ניט צו און זי זיצט אַליין איינגעקאָרטשעט און צושויבערט.

IV.

מיט עמיצען האָט זיך מיכל אויפגע'חבר'ט און אַוועק הינטער'ן שטאָדט אויפ'ן זאַוואָד אַרבייטען. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט געהאַלטען! אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז ער צוריק אין שטוב אַראָבגעקומען.

אומזיסט-אומנישט האָט ער זיך אַרומגעדרעהט, אַרומגעקאַלאַטשעט, ביז ער איז פּלוצלונג נעלם געוואָרען: ער האָט עפּעס אַ שותף געפונען און זיי זענען אַרויס האַנדלען מיט בויגעלעך פּאַפּיר און קאָנווערטען איבער די קאַזאַרמעס.

צוריק איז ער אין דערהיים אַראָבגעקומען אַנ'אָבגעריסענער, אָבגעפליקטער, מיט אַ הונגעריג אויסזעהן. קיינער האָט איהם אין שטוב ניט געפרעגט, וואו ער איז געוועזן. אַ קוק געטהון אויף איהם, געשוויגען, צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און גאָרניט גערעדט.

ער האָט זיך אויסגעלערנט שכור'ן, פלעגען אין שטוב פּאָרקומען אין זיינע שכור'ע נעכט גרויליכע זאַכען.

דער אַלטער לייזער האָט מורא געהאַט פאַר איהם, די מאַמע האָט די הענד געבראָכען און ער פלעגט ביי זיך אין צימעריל זיך צאַפּלען פאַר פערצווייפלונג.

— חצופה! ... זונה! ... געה פון דאַנען! ... געה מיט איהם! — פלעגט לייזער צו שרה'לען דעמאָלט זיך בייזערן.

און זי פלעגט זיך בעטען:

— שווייג, לייזער ... שווייג בעסער, לייזער. האָב רחמנות ... לייזער ...

ער אָבער, דער אַלטער, אַ האלב נאַקעטער, אין ווייסען, אַ פערזעהעניש, געהט אַרום, געהט אַרום און שרייט, און ליאַרימט, און כאַפּט

שרה׳לען פאַר׳ן קאַרק און שלאָגט זי מיט די אַלטע פויסטען...

— האַלט!... שטעה!... די מאַמען שלאָגסטו, רוצח! — לויפט מיכל אַריין מיט אַ ווילדער רציחה, כאַפּט אַ שטוהל, אַ האָלץ, אַ האַמער, אַנ׳אַייזען — איך וועל דיך אויפ׳ן אָרט דער׳הרג׳ענען!... איך וועל!...

רייסט זיך שרה׳לע אַריין צווישען זיי און בעט זיך:

— האָט רחמנות... הערט אויף!... האָט רחמנות...

און גלייך נאָכדעם צוגעהט זיך יעטווידערער אויף זיין אָרט, יעטווידערער צו זיין בעט, און אין שטוב איז קאַלט און שוידערליך. די מאַמע נור זיצט אַליין אין דער גרויסער שטוב.

ביי מיכלען ברענען די אויגען, די האָהר צושויבערט, קומט ער אַרויס אַ נאַקעטער פון זיין צימער, שטעלט זיך אָב ביי דער טהיר און מאַכט עפּעס אַזוי מאָדנע:

— מאַמע!... זאָג, וואָס איז דאָ?... זאָג!

— גאָרניט... גאָרניט...

רופט ער זיך אָב:

— מאַמע!... זאָג, וואָס!... קוילענען וועט מען זין אין דער שטוב... קוילענען... פון זינען אַראָב...

זאָגט שרה׳לע:

— האָב רחמנות, מיכל, האָב רחמנות...

אויף מאָרגען פריה איז ווידער אין שטוב שטיל. ווידער געהט דער אַלטער לייזער אַוועק פון דערפריה, ווי זיין שטייגער. מיכל ווערט פערפאַלען. איינע אַליין זיצט נאָר שרה׳לע אין שטוב

און ס׳קומען די נעכט —

געהט אום איבער דער שטוב אַ בלינדע אימה, אַ שרעק. דער אַלטער לייזער זאָגט נאָר אַמאָל אַ קאַפּיטעל תהלים מיט אַנ׳אומעטיגען נגון.

V.

שוין אַ לענגערע צייט, ווי לייזער האָט זיך געפיהלט עפּעס איינגאַנצען, עפּעס גאָר אויס מענש געוואָרען...

מיכל האָט זיך שוין טאָג-אַיין, טאָג-אויס געקליבען ווייט צופאָהרען, ווער ווייסט וואוהין...

ס׳איז שפּעט אין אָוועגד געווען.

— מיכל, — האָט זיך לייזער אָבגערופען, מיט אַזאַ קול, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל צו איהם ניט גערעדט.

— וואָס?

— איך דאַרף מיט דיר עפּעס ריידען...

און ביי מיכלען אין קאָפּ שווימען אַרויס משוגה׳דיגע השערות און פאַרשטעלונגען. קוקט ער אויפ׳ן אַלטען לייזער׳ן און דערקענט עפּעס ניט זיין טאַטען.

— מיכל — רופט זיך אָב לייזער — די גאַנצע יאָהרען האָסטו זיך צוגעקוקט, וואָס דאָ האָט זיך ביי אונז אין שטוב אָבגעטהון... אמת, מיכל... אַ גזלן בין איך געווען... ערשט, מיכל... דו קלויבסט זיך אַוועק פון דאַנען... איך קלויב זיך אויך... וועל איך דיר דערצעהלען...

ביי יענער זייט טהיר איז שרה׳לע געזעסען. די צייהן האָבען איהר געקלאַפּט, אין די אויגען איז אַ ווילדע אימה געשטאַנען, דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט און אין צימער האָט אַלץ געשווינדעלט, גע-דרעהט זיך מיט׳ן קאָפּ אַראָב...

— כאַ-כאַ-כאַ, — האָט זיך מיכל מיט אַמאָל ווילד צולאַכט. און געלאַכט האָט ער, ווי ער וואָלט כסדר עפּעס שפּאַלטען, שפּאַלטען.

— איך האָב געוואוסט — האָט מיכל געזאָגט — נאָר ער האָט אַליין ניט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט...

אַ סעקונדע לאַנג דוכט זיך איהם:

... אין אַ קליין פּויעריש הייזעל איז ער, אין בויאַנאָווקע דעם דאָרף, אַ גוי׳איש ווייב האָט ער מיט צוויי אייגענע שקצים׳לעך. פון הייזעל אַרויס, אָבגעשאַרט די בלאָנדע, שטעכיגע האָאר און הויך אַ זאָג געטהון:

— טאַ-אַ-אַק-ק.

... זיין טאַטען האָט ער ביים סאָטסקי׳ן אַ שכור׳ן געפונען, איהם פאַר׳ן האַלז גענומען און געשטיקט, געשטיקט, און דער טאַטע קוויטשעט, שרייט, גלאָצט די אויגען אַרויס...

— באַטקאַ... באַטקאַ...

כאַפּט ער לייזער׳ן פאַר די לאַצען אָן און צושרייט זיך ווילד:

— טאַטע... לייזער... ביזטו ניט מיין טאַטע?... אַ פרעמדער יוד?... אַ פרעמדער?...

האָט ער לייזער׳ן משוגע פאַר די לאַצען געריסען און געשריען:

— אַ פרעמדער ... אַ פרעמדער? ... און איך? — אַ גוי? ... אַ גוי ... אַ ממזר ... און די מאַמע? ... די מאַמע ...

מיכל האָט זיך מיט אימפעט פון שטוב אַרויסגעריסען ... און ס׳איז געבליבען צווישען די פיער וועגד דער אַיינדרוק, ווי ער וואָלט אַ נאַקעטער אַרויסגעלאָפען. שרה׳לע האָט זיך אַיינגעקאָרטשטעט און אין ווינקעל פון מיכעלס צימער זיך אַוועקגעזעצט ...

מיכל האָט זיך אַראָבגעזעצט אויפ׳ן שטיינערנעם בריקעל, וואָס בייַ דער טהיר, און אָנגעהויבען קלאַפען דעם קאָפּ אָן טהיר.

VI.

פערוואָרפען דער מאַמעס שטוב, אַליין, אָהן קיינעם, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזען. געטראָגען האָט איהם דער שיף איבער׳ן ים הגדול, אַהינצו —

קיין אַמעריקאַ.

יאָשקע.

I.

דער ערשטער גרויסער און שמוציגער צימער מיט די עטליכע קליינע טישלעך, אין וועלכען ס׳איז דער שענק געווען, איז נאָך געווען אינגאַנצען פינסטער. אין שלאָפבאַנק, אין קיך איז יאָשקע געשלאָפען און הויך געכראָפעט.

טויבע זיין ווייב איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ לעמפעל אין האַנד, אַנ׳אָנגעטהוענע, און איהם געוועקט:

— יאָשקע, וועסט געהן צו סליחות?...

ער האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט און אַרויסגעברומט פון אונטער׳ן נאָז:

— ברעכט ער זיך אָב...

טויבע האָט ניט געוואוסט, וועמען מיינט דאָס יאָשקע, איהר מאַן, און האָט איהם געמוסר׳ט, וואָס ער האָט אודאי ניט געהערט:

— פעפער דו, גאַנץ שטאָדט געהט אין שוהל אַריין.

און גלייך נאָך דעם אין דער פינסטער, ערב פאַרטאָג, האָט זיך דערהערט דעם שמש׳ס, אַברהם-יעקב׳ס, קול:

— אין שוהל אַריין!...

יאָשקע האָט אָבער געוואוסט, וועמען ער שילט און פאַרוואָס ער וויל אין שוהל ניט געהן. גאַנץ שטאָדט געהט — זאָל זי זיך געהן. ער וועט ניט געהן. ער האָט ניט נאָך וואָס. און דער רב? —

— ברעכט ער זיך אָב!...

באשר טויבע האָט קיין שכל ניט, אָבער ער, יאָשקע, פערשטעהט

דען ניט, אַז מען איז איהם אויסען, אַז שטאָדט טייטעלט אויף איהם מיט די פינגער:

— יאָשקע ווייס אין שווייגט...

וויל ער אַזוי. וויל ער וויסען און שווייגען. עמיצער קען איהם אַ דעה זאָגען? — זיי געהען אין שוהל, זיי וועלען זאָגען סליחות, דער רב וועט אַ חרם אויסרופען — זאָלען זיי זיך טהון.

און ער, יאָשקע, דעקט זיך איבער מיט זיין שמוציגער פּערענע, אָהן דער טשיכעל, מאַכט צו די אויגען און שלאָפט.

— איך לאָז אָפען די טהיר, יאָשקע... — רופט זיך אָב צו איהם דאָס ווייב און געהט, ווי גאַנץ שטאָדט, אין שוהל אַריין.

אין שטוב איז נאָך פינסטער. פון גרויסען שענק-חדר טראָגט זיך אַרום אַ ביער-זויערקייט און בראָנפען-ריח. דער לעמפּעל, וואָס טויבע האָט אָנגעצונדען, רויכערט, צאַנקט און פערלעשט זיך.

— אין זייער טאַטען אַריין... — קריעגט זיך יאָשקע מיט עמיצען, נעהמט זיך אָן מיט מוטה און אַייטערקייט און קען דאָך עפּעס ניט אַנשלאָפען ווערען.

I.

שוין אַ וואָך, ווי דאָס שטעדטעל האָט זיך געהוידעט און גע-קעהרט —

פרייטאָג בייטאָג זענען געגאַנגען די קינדער צום שוהל-באַרג נעהמען זאַמד לכבוד שבת, האָבען זיי ביים ווייבער-שוהל געפונען דעם ספר, די ריינינקייט אַ צוריסענע.

אַז אַברהם-יעקב דער שמש האָט די שוהל געעפענט, איז ער אין חלשות געפאַלען. ביי די ווייבער איז אַ יללה געוואָרען און אפילו מאַנסלייט האָבען זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון וויינען: די שוהל איז ממש חרוב געוואָרען. דער אָרון-קודש אַראָבגעוואָרפען, דער בעלע-מער איבערגעקעהרט, די שטענדערס צושליידערט...

אַז מען האָט זיך בערוהיגט אַ ביסעל, האָט מען אָנגעהויבען טראַכ-טען, וועמענס עובדה דאָס זאָל זיין. האָט זיך אָנגעהויבען דוכטען, מען האָט זיך אָנגעהויבען אויסדערצעהלען מעשיות און חשדים: אַ שייגעץ איז שכור געווען, צוויי גוים זענען געלאָפען, וואַצעק גנב איז אין שטאָדט...

און דער רב האָט געשיקט רופען נאָך יאָשקען. מען האָט גע-האַלטען, אַז ס׳קען גאָרניט זיין, דאָס יאָשקע פּעמפּעל זאָל ניט וויסען וועד. אודאי איז מען דאָך געקומען צו איהם טרינקען, צו איהם פער-קויפען די קופּער און די לייכטער.

— זאָג, יאָשקע, אפשר ווייסטו עפּעס, אפשר האָסטו געהערט, אפשר איז מען ביי דיר געוועז...

און גערופען האָט מען יאָשקען, ווייל יעדערער, בעזונדערס דער רב, האָט געפיהלט, אַז מען דאַרף עפּעס טהון, מען טאָר ניט שוויי-גען, מען דאַרף זיך אָננעהמען פאַר׳ן כבוד-התורה און חלול הקודש, מען דאַרף געפינען די שולדיגע.

— וואָס עפּעס איך?... זאָלען מיינע שונאים פון זייערע קעפּ אַזוי וויסען... — האָט יאָשקע געענטפערט.

מען האָט אָבער יאָשקען ניט געגלויבט. ס׳האָבען זיך שוין גע-פונען אַזעלכע, וואָס שווערען, אַז יאָשקע ווייס דוקא, זיי האָבען אַליין געהערט אַליין געזעהן...

און ווייל ס׳איז געוועזן שוין באַ״ד ערב-שבת און זונטאָג ראש-חדש, האָט דער רב אָבגעלעגט אויף מאָנטאָג: מען זאָל פאַסטען, סליחות זאָגען, דעם ספר צו קבורה ברענגען און ער וועט מחרים זיין: ווער עס ווייס, מוזען קומען און אויסזאָגען.

און יאָשקע ווייס דוקא. יענע נאַכט, בשעת ער האָט פון קיין פּותר חלום ניט געוואוסט, איז צו איהם געקומען וואַצעק גנב מיט דער חזיריצעס זוהן, בראָנפען געטרונקען און צוויי גע׳גנב׳עטע האַנדטיכער איהם אַוועקגעגעבען.

איצט ווייס שוין יאָשקע, אַז די האַנדטיכער זענען פון שוהל, נאָר ער וועט ניט אויסזאָגען. אַ פריץ איז ער? גאַנץ שטעדטעל וועט טאָג און נאַכט נאָכזינגען: יאָשקע, יאָשקע האַנדעלט מיט גנבות... יאָשקע גנב... דער אוריאַדניק וועט זיך צוטשעפען און אָנהויבען שלעפּען, וואַצעק קען נאָך אַ „שמאַלץ“ טהון אויך...

טויבע ווייס אויך ניט, אויף מאָרגען, אַז מען האָט אָנגעהוי-בען ריידען, האָט ער די האַנדטיכער פערשטעקט, און וואָס האָט ער דאָ אַזוינס געטהון? —

גאנץ שטעדטעל איז צו סליחות געוועזן. מיט יהושע בן נון און עכן בן כרמי האָט דער רב אָנגעהויבען און מיט קללות און חרמות געענדיגט.

אין דער שטעדטעלשער שוהל איז אומגעגאַנגען די מורא און אומה פאַר גאָט'ס געדרודער, אַ אור־אַלטע שרעק, וועלכע חזר'ט זיך שוין איבער צום טויזענטער מאָל, האָט געררודערט די הערצער.

—דאָס וועט שוין גלאַט נישט אָבגעהן...

און דער רב שרייט עפּעס מיט אַזאַ ירגזון, שפּרעכט מיט הרמות און ריהרט פון נסתרים, נישט־גוטע און רוחות.

יאָשקע איז אַליין געלעגען ביי זיך אין דער לעדיגער שטוב און גערעדט:

—איך האָב פאַר זיי מורא...

III.

קיינער ווייס נישט פון וועמען דאָס האָט געשטאַמט, נאָר אין שטעדטעל האָט זיך געטראָגען דער קלאַנג, אַז ביי יאָשקען איז די קופער און דער האַנדפאַס פון שוהל. אַ פּאָר אידען האָבען זיך שוין אפילו געקליבען צו געהן זוכען ביי יאָשקען אין שטוב.

איהם אַליין האָט שטאַרק פערדראָסען דער גאַנצער עסק. איינ־מאָל, אַז דער שייגעץ איז אין שענק ביי איהם געזועסען, האָט ער זיך מיט איהם געקריעגט:

—ביזט אַ אויסוואורף, האָסט מיר געקוילעט...

—ביזט אַ מאַריוויכער...

—איך וועל דיר אַריינהאַקען אין די צייהן...

און וואָס אַנ'אמת, איז אַנ'אמת: עס האָט זאַנגעהויבען שרעקען דאָס האַרץ:

—עס קען זיך מאוס אויסלאָזען...

און ס'איז אוין דערגאַנגען אַזוי וויים, אַז די וויב איז איינמאָל געקומען פון מאַרק און געמאַכט אַ געוויין:

—יאָשקע, מ'זאָגט, אַז ס'איז דיין עסק, דו ביזט פערמישט.

—כדי דיר צו געבען פרעסען...

געהן צו איהם זוכען, האָט מען מורא געהאַט, האָט מען געטאָן עפּעס אַנדערש: מען האָט איהם געשיקט רופען צום רב. איז ער נישט געגאַנגען. האָט מען געשיקט נאָכאַמאָל דעם שמש, האָט ער איהם אויס־געזידעלט און פון שטוב אַרויסגעטריבען.

—זאָג די גבאים, אַז איך האָב זיי אין דער ערד... זאָלען זיי מיר נישט געבען קיין עליה... פּיינע מענשען... גנבים...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך געטראָפען אַ מאוס׳ע מעשה: מנחה־צייט איז יאָשקע אַריין אין ביהמ״ד. ער איז צוגעקומען צום טיש, וואָס איז געשטאַנען ביים אויווען, אַרום וועלכען עס זענען געזעסען חיים לאַנגע נאָז, דער שמיד, משה׳ל גבר, דער פוהרמאַן, לייזערקע נחמנ׳ס, דער קצב און נאָך אַנדערע.

—יאָשקע גנב. אַ מיתה משונה זאָל דיך איינגעהמען!—האָט משה׳ל גבר זיך אָבגערופען.

—וואָסי עפּעס?..

—ווילסט נאָך אַ פינסטערע כפרה זיין, שמד׳ניק... ביי דיר איז די לייווענט און קופער פון שוהל...

—זאָלסט אַזוי דיין ווייב זעהן...

—טרפה׳נע צורה...

—פון ביהמ״ד אַרויס!.. גנב...

—איכ׳ל דיר געבען אַ גנב...

און ער האָט איהם אַראָבגעלאָזען אַ פּאַטש. פערשטעהט זיך, אַז מען האָט נישט געשוויגען, מען האָט זיך געשלאָגען מיט אַ רציחה, מיט אַ שנאה, מען האָט די שטענדערס אומגעוואָרפען, דעם טיש איבער־געקעהרט, פון יאָשקען האָט זיך שוין בלוט געגאָסען—

אַ פּאָר עלטערע, פרומע אידען זענען געשטאַנען און זיך איינ־געקוקט און גאָרנישט געפּרובט דעם געשלעג אָבשטעלען:

—אַ אויסוואורף!.. אַ מוהרים!..

—משה׳ל, דערלאַנג איהם!..

—וואַרפט איהם אַרויס פון ביהמ״ד...

אין שטוב האָט איהם זיין ווייב געבונדען דעם קאָפּ מיט אַ נאַ־סען האַנדטוך און ער האָט געברומט:

—אַלע אויף איינעם!.. מיך געשלאָגען... ממזרים!... איטשע בער דער גבאי... דער בלוט־זויגער... אַ פייער אויף זיי... איך וועל איהם די כאַטע פערברענען...

IV.

נאָכדעם איז יאָשקע גאַנצענע טעג נאָר ביי זיך אין שענק געזעסען. קיינער פון די שטעדטעלשע אידען האָט צו איהם נישט אַריינגעשמעקט. די בעלי־עגלות, וואָס פאָהרען מיט די בוידען, האָבען מעהר ביי איהם קיין בראָנפען נישט געטרונקען, זונטאָג פלעגט נאָר אַ גוי אַריינקומען.—

עס איז געווען איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען. יאָשקע איז אויף זיין גאַניק געשטאַנען און געקוקט אויפ׳ן מאַרק אַרויס, צום רב׳ס בלויע שטוב, צו איטשע בער דעם גבאי׳ס הויז מיט די ווייס־געפאַרבטע לאָדענס און ער האָט אַ שפיי געטאָן:

—איך שלאָג מיט זיי אָלעמען די כפרה!

דעמאָלסט איז פאַרבייגעגאַנגען נעבען זיין שענק מאָטקע „מאַכער״.

—מאָטקע, ווען שוואַרצט דיין עולם די גרענעץ?..

—וואָס הייסט, יאָשקע, פאָהרסט קיין אַמעריקע?..

—אַ פינסטערע האַלבע נאַכט אויף זיי אַלעמען!.. איך פאָהר, מאָטקע...

און ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט: אין אַ פאָר טאָג אַרום איז יאָשקע אַוועק קיין אַמעריקאַ. זיין ווייב האָט ער איבערגעלאָזען הונדערט רובל, דעם שענק און אין אַ גרוב אויפ׳ן פעלד—די ליגעצט מיט די קופער פון שוהל...

דעמאָלסט האָט די גאַנצע שטעדטעל געוואוסט:

—עס איז זיין מלאָכה...

—מען האָט איהם פערטריבען.—

צוויי שוועסטער.

I.

ביידע זענען זיי טעכטער פון איין מאַמען, וואָס האָט שוין איה״ע פופציג יאָהר אָבגעלעבט אין אַ קליין שטעדטעל, וואָס ביי חערסאָן, און דאָרטען, אין יענער ערד מיט פופצעהן יאָהר צוריק דעם מאַן בעגראָבען און אויף זיין קבר אַוועקגעשטעלט אַ קליין, ניעדעריג און גרוי מצבה׳לע...

צוויי טעכטער זענען זיי. איינער רופט מען שיינע און דער צווייטער—רייזעלע. שיינע איז אין דער מאַמען געראָטען: דער מאַמעס קול, דער מאַמעס אויגען און דאָס האַרץ דער מאַמעס. רייזעלע איז אָבער אויסגעוואַקסען אין שטוב, ווי אַ פּרעמד׳ס, אין קיינעם ניט געראָטען.

—די סערגע...—האָט איהר די מאַמע גערופען.

שיינע איז עלטער פאַר רייזלען, מיט זעקס יאָהר עלטער. אַז די מאַמע פלעגט אויפ׳ן גאָרטען אַוועקגעהן, איז שיינע די בעל־הבית׳טע אין שטוב געווען. דאָס עסען געקאָכט, די בעט פערבעט, רייזלען דעם טעלער דערלאַנגט און צו דער מאַמען אויפ׳ן גאָרטען ארויסגעקומען. און געמאַכט האָט שיינע צוזאַמען מיט דער מאַמען חשבונות וועגען דער פרנסה און געזאָרגט זיך צוזאַמען, און געזיפצט.

רייזעלע איז דאָס קינד געווען.

און אויסגעוואָקסען זענען זיי ביידע אַנדערש. אמת, ביידענס פנים׳ער איז פון איינס געפאַרבט: שוואַרץ און חנ׳עוודיג. אָבער רייזעלעס אויגען זענען ליכטיג און בלוי, און שמייכלען, און פערטרויען, און רייזעלעס האָר זענען שוואַרץ און לאַנג און וואַרעם איז זי, און אין דערהויך לאַכט זיך און צאַפּעלט זיך.

שיינעס נאָז איז אָבער אין דער מאַמעס געראָטען: קליין און פערשפּיצט אין דערהויך. נידעריג איז זי געוואַקסען, ווי דער טאַטע איז געווען, און פון יאָהרען פערעלטערט און דער קול איז אַ פערגרוי־טער און צובראָכענער.

איין מאַמען האָבען זיי ביידע געהאַט, אָבער ניט, ווי צוויי שוועס־טער געווען. שיינע איז אַליין אַ שטיק מאַמע פאַר רייזלען געווען, פאַר רייזעלען געזאָרגט און רייזעלע האָט אַנדערע חבר׳טעס געהאַט.

II.

רייזעלע איז נאָך קוים זיבעצעהן יאָהר אַלט געווען, ווען זי האָט פערפיהרט די ליבע מיט שמואל׳יקען, וועלכער איז אַראָבגעקומען פון חערסאָן צו זיין טאַטען אין שטעדטעל.

שמואל׳יק איז אפילו ניט מעהר, ווי אַ שניידער געווען, אָבער די מיידלעך האָבען רייזעלען מקנא געווען—ער איז דער שענסטער בחור פון שטעדטעל געווען, אַ פערדיענער און פון חערסאָן קומט ער.

פערדיענט האָט שמואל׳יק אין חערסאָן ביז צעהן רובל די וואָך, נאָר געקומען איז ער אויף זומער אין שטעדטעל, כדי נאָכדעם צו פאָה־רען אין אַמעריקאַ. אַ סך בחורים זענען פון חערסאָן געפאָהרען, טאַקע שניידערס אויך, וואָס האָבען צוזאַמען מיט איהם אין חערסאָן געאַרבייט, און אַהינצו צו זיך האָבען זיי אַנדערע גערופען.

ווילט זיך פאָהרען. מאָדנע דערצעהלען דאָס יענע אין זייערע בריוולעך וועגען דער אַמעריקאַ, אַז ס׳ציהט עפּיס אַהינצו, ס׳ווילט זיך אַלץ אַוועקוואַרפען און פּרובען.

און אין שטעדטעל האָט שמואל׳יק ליעב געקריגען רייזעלען.

זי האָט געוואוסט אַז שמואל׳יק האָט זי ליעב, זי האָט זיך אָבער געשפּילט מיט דעם—געלאַכט, געזונגען און גערייצט.

שיינע האָט אַליין נישט פערשטאַנען פאַרוואָס, נאָר ס׳האָט איהר עפּיס נישט געפעלען געווען, ס׳האָט איהר פערדראָסען און קרום האָט זי געקוקט אויף איהר אינגערע שוועסטער, וואָס פיהרט אַ ליעבע, וואָס פלעכט זיך איבער די האָר, שטעקט אַריין די בענדעלעך, טהוט זיך אַרויף דעם שמאָלען סאַמעטעל אויפ׳ן האַלז און ווערט פערפאַלען. האָט שיינדעל אפילו נישט געקענט וועגען דעם מיט דער מאַמען אַ סך רייי־דען, נאָר זי האָט אַ וואָרט צוגעוואָרפען און געמורמעלט:

—אַ שטייגער דאָס איז... ביז איינס דעם זייגער אינדערנאַכט...

דער מאַמען איז עס אָבער גאַנץ געפעלען געווען. אמת איהר רייזעלע איז אַ שען מעדעל, אָבער ווער איז זי?—מירטשע די גערט־נערקע. שמואליק אָבער איז אַ גאַנץ עהרליכער יונג, אַ בעל־מלאכה און איהר טאָכטער האָט ער האָלט...

זי האָט אָבער אַ קוק געטהאָן אויף איהר עלטערע טאָכטער, וואָס איז פערצאָרעֶנט און פערעלטערט, אַ קוק געטהאָן און געענטפערט:

—טאָ רייד איהר אויס... ביזט דאָך אַנ׳עלטערע שוועסטער...

III.

רייזעלען האָט קיינער נישט אויסגערעדט, נאָר, פערקעהרט—שמואליק איז געקומעןריידען וועגען אַ חתונה.

—זי האָט דאָך אַנ׳עלטערע שוועסטער...—האָט די מאַמע אַרויסגערעדט.

האָט זיך שיינע אַרויסגערוקט פון שטוב און איהר נפש איז עפּיס אַזוי צושלאָגען געוואָרען און זי האָט זיך אויפ׳ן בריקעל געזעצט.

—דאָס מאַכט מיר נישט אויס,—האָט שמואליק זיינס גערעדט.—דאָ צום פערבלייבען טראַכט איך נישט... איך קען אין אַמעריקאַ מיט מיינע הענד און ביי מיין אַרבייט צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך פערדיענען... וועלען מיר דאָ חתונה האָבען... איך וועל קיין אַמעריקאַ פאָהרען און גלייך נאָכדעם צו זיך רייזעלען אַראָברענגען...

ווייל מיט זיך האָט ער איהר נישט געקענט נעהמען. ער האָט אַזוי פיעל געלד נישט געהאַט.

איז דאָס פאַר דער מאַמען איינגאַנצען פרעמד געווען: אַמעריקאַ, צוואַנציג דאָלאַר, אַראָבברענגען, אַראָבנעהמען... נאָר זי האָט ביי רייזלען געפרעגט:

—וואָס זאָגסטו, רייזעל?

—זי איז מרוצה...—האָט פאַר איהר שמואליק געענטפערט.

—פאַרוואָס נישט?—האָט שפּעטער שיינע גערעדט,—זאָלען זיי טאַקע חתונה האָבען און ס׳וועט רייזלען גאַנץ גוט זיין... ער וועט איהר צו זיך דאָרט אַראָבנעהמען...

האָט די מאַמע געקוקט אויף איהר שיינען, וואָס רעדט עפּיס זיינס וועגען רייזלען און געענטפערט:

—זאָל זיין, ווי ס׳איז שוין...

שיינע האָט דערפיהלט, ווי דאָס קינד, רייזעלע, איז עפּיס אויס־

געוואָקסען, אַריבערגעיאָגט איהר, דער עלטערער שוועסטער, וואָס וועט זיך דאָ אַליין מיט דער מאַמען אָבשטעלען, און ער, דער שענער און געזונטער שמואליק, וועט מיט זיך רייזלען אַוועקנעהמען.

—רייזעל, שמואליק וועט מיט דיר התונה האָבען און פאָהרען קיין אַמעריקאַ...—האָט זי פערצעהלט פאַר איהר שוועסטער.

IV.

—די ערשטע זאַך וועל איך פאַר דיר געלד מיט אַ קאַרטע אַרויסשיקען..—האָט ער זיך אַזוי געזעגענט מיט רייזעלען.

און די ערשטע בריף, וואָס זענען פון איהם געקומען, זענען אַזעלכע וואַרעמע און גוטע געווען. ליעב האָט ער רייזלען, אַלץ וועט ער פאַר איהר טהון. געקומען איז ער און גליק געהאַט—די ערשטע וואָך דרייצעהן דאָלאַר גענומען. באַלד וועט ער פאַר איהר געלד מיט אַ קאַרטע שיקען. און נישט פערהאַלטען זאָל זי זיך. וועט זי באַלד נישט קומען, וועט ער קומען צולויפען און איהר נעהמען.

און געלעזען האָבען די בריף ביידע—רייזעלע און שיינע. דאָס שרייבט מען אָבער צו רייזלען אַזוי. ס'זענען רייזעל'ס בריף.

און זי? שיינע?.. און פאַר איהר?..

רייזעל האָט אַליין געזעהן, ווי שיינע האָט געוויינט. קיינעם גאָרנישט דערצעהלט און געוויינט. וואָס וועט זי דערצעהלען?

—שיינע, איך וועל אָהן דיר נישט פאָהרען,—האָט איהר רייזעלע געזאָגט.—איך וועל שרייבען צו שמואליק'ן, וועט ער פאַר דיר אויך שיק'ן...

האָט שיינע אַזוי מאָדנע אויפגעהויבען איהרע אויגען אויף רייזעלען, אויף איהר אינגערע שוועסטער, וואָס רעדט דאָס צו איהר אַזוי. אויב רייזעלע וויל, קען זי דאָס טהון. שמואליק וועט איהר פאָלגען. רייזעלע קען איהר נעהמען מיט זיך. זי, רייזעלע, וועט טהון פאַר איהר, פאַר שיינען, פאַר דער עלטערער שוועסטער, זי האָט דאָך שמואליק'ן...

און דאָרטען, האָט זיך שיינע אָנגעהערט, איז גאָר אַנ'אַנדער לע-בען, קיינעם איז נישט שלעכט. דאָרטען קען מען אַרבייטען און אַ סך פערדיענען און אויפקלויבען, דאָרט קען מען צו עפּיס קומען—דאָרטען איז אַנדערש.

—און די מאַמע? האָט שיינע געפרעגט ביי זיך אַליין און זיך פערטנטפערט

—מען קען דאָך ערשט צו שמואליק'ן אַלעמען נישט אראָבברייננגען. מיר וועלען זיך איינאָרדענען, וועלען מיר דער מאַמען אַראָבנעהמען.

און געקוקט האָט שיינע אויף איהר שוועסטער רייזעלע, ווי מען קוקט אויף יענעם, פון וועמען מען ערוואַרט עפּיס אַ חסד, גוט'ס... און יעגער איז קרעפטיגער, גרעסער און וויכטיגער.

V.

שמואליק האָט רייזעלען געפאָלגט און געשיקט פּאַר ביידען געלד און שיפס־קאַרטעס.

—איך שיק אייך דאָ טיקעט'ס צווייטע קלאַס, נעהמט און פאָהרט...— האָט ער צו זיי געשריבען.

—איך האָב אַזוי מורא, קינדערלעך מיינע...—האָט די מאַמע גערעדט.—מען דערצעהלט זיך דאָס אָן וועגען די שיפען און דעם ים...

און דערצעהלט האָט זי אַ מעשה, וואָס זי האָט געהערט פון דעם מילכיגער'ס טאָכטער. דעם מילכיגער'ס טאָכטער האָט דאָס אַליין מיט איהרע אויגען געזעהן, ווי די שיף האָט זיך געוויעגט און געוואָרפען, ס'האָט געקעהרט דער ים און וואַלפישען זענען אומגעשוואומען אַזוי די גרויס, ווי זיי וואָלטען קענען אַ גאַנצע שיף אַריינשלינגען...

—זאָל גאָט איינהיטען...—האָט די מאַמע געבעטען זיך.

—האָב ניט מורא, מאַמע...—האָט איהר רייזעלע געענטפערט, וואָס איז אַזוי זיכער דערמיט, וואָס זי האָט דאָרט אויף יענעם זייט שמואליק'ן...

און צוזעגענט האָבען זיך ביידע טעכטער מיט דער מאַמען און געטרייסט איהר און צוגעזאָגט באַלד אַהינצו נעהמען.

אַלץ, די געלד און די קאַרטעס, האָט ביי זיך רייזעלע געהאַלטען—דאָס האָט צו איהר שמואליק געשיקט און זי האָט דאָס מיט זיך מאיר שוועסטער גענומען.

באַר פּאָראויס געגאַנגען, גערעדט, געפיהרט און געוויזען, און געטהון, און די פּעקלעך געטראָגען, און געזאָרגט וועגען אַלץ האָט שיינע.

שוין אויפ'ן וועג, פאָהרענדיג, האָט שיינע ביי זיך געהאַלטען דעם לעצטען בריוועל, וואָס שמואליק האָט צו רייזעלען געשריבען, איהם געדרעהט אין האַנד, אָנגעקוקט און פון איהם האָבען זיך פאַר'ן מח געטומעלט שמואליקס ווערטער:

—„ליעבע רייזעלע, קום גיכער!.. קום גיכער!!...״

—?און זי, שיינע

איהר נעהמט דאָס איהר אינגערע שוועסטער, דאָס קינד. זי האָט דאָס פֿאַר איהר די געלד מיט די קאַרטעס—

אוןביידע פֿאָהרען זיי.

—רייזעלע, ווילסט עפּעס עסען?..—האָט שיינע ביי איהר שוועסטער געפֿרעגט און אין קערבעלע געזוכט.

איבערגעלאָזען.

בשעת ער איז אַוועקגעפאָהרען, האָט זי שוין דריי קינדערלעך אין שטוב געהאַט און איינס נאָך האָט געהאַלטען ביים געבוירען ווע־רען. אַ חדשים דריי נאָך זיין אָבפאָהר האָט זי דאָס קינד געהאַט און עס אַ נאָמען גענעבען „פייגעלע".

פון זינט ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ, איז שוין קרוב דריי יאָהר און פייגעלע איז פאַר דער צייט היבש אויסגעוואַקסען, אויף די פיסעלעך זיך געשטעלט און מען מאַכט איהר שוין מיט אַ בענדעלע אַ צעפעלע אויפ'ן קאָפּ.

די מאַמע לאה'קע האָט שוין פאַר דער צייט אַ שען פעקעלע צרות געהאַט. די ערשטע צייט איז דעם מאַן גלאַט דאָרטען שלעכט אַוועק און זי האָט פון איהם קיין גראָשען נישט געקענט אָנזעהן. אין שטעדטעל איז אויך נישט פון די גרינגע זאַכען, אַז אַ ווייבעל זאָל קענען אַליין עפּעס פערדיענען. האָט די מאַמע מיט די קינדער חדשים געהונ־גערט און דאָס געקעכטס איז געווען—שוואַרץ־ברויט מיט וואַרעמע וואַסער.

נאָר דערנאָך האָט גאָט אַ ביסעל אויסגעהאָלפען. זי האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל אַ פּאַר רובּל פון מאַן געקראָגען. זי האָט פאַר אַ קינד אַ קליידעלע געמאַכט, אַ פונט צוקער אין שטוב אַריינגענומען און ס'איז אַביסעל גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען. אַז זי איז מיט אַ קינד אַרויס־געקומען אין דרויסען אָדער אַריין אין קרעמעל און אַ צוקערקע געקויפט, האָט מען איהר מיט קנאָה נאָכגעקוקט און זיך אָבגערופען:

—זי איז שוין אַן'אַמעריקאַנערין...

ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט דאָס גוטס. דער מאַן האָט זעלטען אָנגעהויבען צו שרייבען זיינע גרויסע און צודרעהטע אותיות

אויף די קורצע אַמעריקאַנער פּאַפּירלעך, אויפגעהערט געלד צושיקען, ביז זי האָט מעהר פון איהם קיין וואָרט נישט געהערט.

די ערשטע צייט איז זי געווען צוטראָגען און נישט געקענט וויסען, וואָס ס׳האָט מיט איהם דאָרט, חס-ושלום, געטראָפען. האָט זי טאַקע איהם אָנגעפּ[illegible], צי איז עפּעס אַ סבה-זאַך, צי איז ער, גאָט זאָל היטען, קראַנק, נאָר ער האָט איהר גאָרנישט געענטפערט. קומען אפשר איהרע בריף נישט אָן?—און שפּעטער איז געקומען אין איהר וויבערש האַרץ אַ חשד און זי האָט דאָס אפילו פאַר אַ זייטיגען מענשען נישט געקענט אַרויסריידען.

—ווער ווייס... ווער ווייס...

לאה׳קע האָט געוואוסט, אַז ס׳איז נישט מיט איהר דער ערשטער אַזוי. דאָרטען אין אַמעריקאַ קומען פאַר אַזעלכע מאָדנע זאַכען און ס׳שרעקט דאָס האַרץ: איהר געצעל... טאַקע דערביי, אַ שבֿב׳טע, די געלע גרוגטשע, איז געבליבען, נישט פאַר איהר געדאַכט אַנ׳עגונה מיט פינף קינדערלעך. זי האָט זיך די אויגען אויסגעקוקט פון איהם עפּעס צום הערען. דאָס געזיכט איז פערדאַרט און פערטריקענט געוואָרען, געשעמט זיך פאַר לייטען צום דערצעהלען, נאָר קיין ברירה נישט געהאַט און אַ עצה זיך געהאַלטען. לייטען האָבען איהר גאָרנישט געקענט העלפען און זי איז נאָך אַריינגעפאַלען ביי פרעמדע אין מויל:

—געצעל האָט שוין אויך זיין לאה׳קען אַוועקגעוואָרפען...

די עלטערע קינדער האָבען שוין אויך געוואוסט, וואָס ס׳איז דאָרט מיט זייער טאַטען—פערגעסען האָט ער אָן זיי. און זי, די מאַמע, האָט אַ פערווינט און פערקלעמט האַרץ געהאַט און איז אַרויס מיט׳ן קוישעל אַ גילדען אין שטעדטעל צום פערדינען.

אַזוי זענען קרוב דריי יאָהר אַריבער. נאָר אונגעריכט האָט לאה׳קע געקראָגען אַ בריף. לכתחלה האָט זי געמיינט, אַז ס׳איז פון איהם, פון מאַן, נאָר זי האָט דאָס אויפגעעפענט, געמאַטערט זיך איבערצולעזען און ס׳איז שווער געווען גוט צו פערנעהמען, וואָס שרייבט מען דאָט אַזוינס צו איהר.

אין האַרצען האָט עפּיס אַ ציטער געטהאָן און זי האָט דעם בריף אויפ׳ן טיש צוריק אַ וואָרף געטהאָן.

צו זאָל דאָס נישט זיין די זעלבע מעשה, וואָס מיט דער שבֿ[illegible]עטע זעלדע?—אין זעלדעס בריף איז אַ גט געלעגען און דאָס גאַנצע געסעל האָט וועגען דעם וואָכען גערעדט.

איז לאה׳קע אַריין זיך נאָכפרעגען, מען זאָל איהר קלאָר מאַכען, וואָס שטעהט דאָס אַזוינס אין בריוועל געשריבען.

קיין גט איז דאָס ניט געווען, נאָר געשריבען האָט מען איהר ניט קיין פרעהליכע זאַכען. איהר מוהמעס קינדער האָבען איהר פון טשיקאַגאָ געשריבען, אַז איהר מאַן האַלט ביי׳ם חתונה האָבען און מען קען ביי איהם איצט אַלץ פועל׳ען—געלד, אַ גט אָדער אפשר צוריק לעבען...

דאָס ערשטע, אַז זלאַטע האָט איבערגעלייענט דעם בריוועל, האָט זי זיך ביטערליך צעוויינט. פערשפינט, פערוועבט איז עפּיס אינעווייניג געוואָרען, ס׳האָט געשטיקט אין האַלז און געוויינט האָט זי דעמאָלסט אַ גאַנצע נאַכט.

—אַז אָח און וועה צו אונז, קינדערלעך...

נאָר אַז זי האָט זיך אויסגעוויינט, איז איהר אַ ביסעל גרינגער געוואָרען אויפ׳ן האַרצען און זי האָט זיך אָנגעהויבען בערעכענען, וואָס זי האָט אַזוינס צום טהון. אפילו אַ סך צום רעכענען האָט זי ניט געדאַרפט—זיי מוזען, זי מיט די קינדער, וואָס גיכער אַהינצו פאָהרען. דאָס איז אַזוי פעסט און זיכער, דאָס אַנדערש קען גאָרניט זיין.

זי וועט זי אַזוי ניט לאָזען. אויסגעהאָדעוועט זיינע פיער קינדער, אָנגעליטען און אָנגעוועהטאָגט זיך, אָבגעלעבט אַזאַ שווער און ביטער לעבען, נאָך דעמאָלסט אפילו, בשעת ער איז נאָך דאָ געווען, ער האָט פון זיינע שניידעריי קיין שטיקעל ברויט אין שטוב ניט געהאַט און זי האָט קינדער געזויגט, אויף די הענד געטראָגען, נעכט ניט געשלאָפען. און אַז ער איז שוין אפילו אַוועק קיין אַמעריקאַ—לויפט זי ארום און שלעפט זיך מיט איהר קאָשיקעל און מאַטערט זיך אַליין, מאַטערט זיך אַזוי ביטער. ערשט ביי וואָס וועט זי בלייבען? ביי וואָס?.. ביי׳ם גט?..

און לאה׳קע האָט די בושה פערלוירען. אַלע האָבען וועגען איהר אונגליק געוואוסט, מען האָט בריף קיין טשיקאַגאָ געשריבען, זי איז אין גביר׳שע הייזער געגאַנגען, דער רב האָט אויך ערגיץ־וואו אַ בקשה אַוועקגעשיקט און לאה׳קע איז געהאָלפען געוואָרען—מען האָט אַראָבגעשיקט קאַרטעס פאַר איהר מיט די קינדער.

גוט האָט זיך לאה׳קע אָנגעוויינט, אָנגעקלאָגט, איהרע קינדערלעך אַרומגעוואַשען, מיט׳ן שטעדטעל זיך צוזעגענט און די ווייבער זענען אַזוי צוריהרט געווען פון איהר אָבפאָהרען און מיט צובראָכענע שטימעס האָט מען איהר אַ גליקליכע נסיעה געוואונשען.

—פאָהרט, לאה׳קע, געזונטערהייד און קומט בשלום, זאָל זיך גאָט

דערבאַרעמען...

לאה'קע איז אין שטאָדט אַריבערגעפאָהרען, כדי פון דאָרטען זיך צוזעצן...

נאָר דאָ איז דאָס אונגעריכטע אונגליק געשעהן. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דער דריי־יאָהריגער פייגעלען וועט מען נישט אַריינ־לאָזען. מען דאַרף איהר די אויגעלעך היילען, אַנ׳אָפּעראַציע מאַכען, קען אפשר אַמאָל גוט ווערען, איז אָבער דאָס קינד צו קליין און צו שוואַך, דאַרף דאָס קינד אויסוואַקסען, עלטער ווערען, וועט מען דעמאָלסט זעהן.

די דריי־יאָהריגע פייגעלע האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ שרעכט׳ס זי טהוט דער מאַמען איהרער מיט די ברידערלעך און שוועסטער. די קליינע פייגעלע האָט זיך גאָר געשפּילט מיט אַ ביי בלע־כעל, וואָס זי האָט אויף דרויסען געפונען און זיך נאָכגעשלעפּט דער מאַמען.

—וועה איז מיר!..—האָט לאה׳קע די הענד געבראָכען און קיין עצה נישט געקענט געפינען—מען וועט דאָך אונז אַלע צוריקשיקען!... וואָס וועט זיין מיט אונז!

עטליכע טעג האָט זיך לאה׳קע מיט די קינדער אין שטאָדט אַרומגעוואַלגערט. ס׳האָט איהר אַזוי פערדראָסען אויף איהר מזל און אַזעלכע האַרבע טענות צום רבש״ע געהאַט:

—וואָס זעהט מען אויף דאָס קינד, רבש״ע!..—האָט זי געבייזערט זיך און זיך ווייטער נישט געקענט ריהרען. און דאָס קליין קינד האָט זיך אַליין מיט׳ן בלעכעל געשפּילט, דאָס צעפּעלע געדרעהט און ביי דער מאַמען ברויט געבעטען.

צי ס׳איז עמיצענס אַנ׳עצה געווען אַזאַ, צי לאה׳קע האָט דאָס ביי זיך אַליין אָבגעמאַכט—ווער ווייס?

זי איז מיט די קינדער אַוועק צום וואָקזאַל.

נאָר פאַרוואָס עפּיס האָט זי פייגעלען זיסע בויגעלעך געגעבען און אַ קאָפּיקע אין האַנד?—

צוגען זענען געקומען און אַוועק. אין וואָקזאַל איז געווען אַ לויפעריי, אַריין און אַרויס, איינער האָט אויפ׳ן צווייטען נישט געקוקט, ביז קוים ווער האָט דאָס בעמערקט.

אויף אַ שטוהל איז די קליין פייגעלע געזעסען מיט די בויגע־לעך אין האַנד און געוויינט אַזוי ביטער:

—מאַמע... מאַמע...

אַרום איהר האָט זיך צונויפגעקליבען אַנ׳עולם, צונויפגערוקט און געשפאַרט זיך. פייגעלע איז געזעסען אין מיטען אַ צוטומעלטע, אַ צר־שראָקענע, אַרומגעבלאָנדזשעט מיט די פערטערעהרטע אויגעלעך און גע־בעטען זיך:

—מאַמע... מאַמע...

ער אויך.

I

דער ערשטער, ווער ס׳איז פון שטעדטעל קיין אַמעריקאַ אַוועקגעפאָהרען, איז געוועזן יאָסעל דעם זייגערמאַכער׳ס זוהן. ביי איהם איז שוין דעמאָלסט געווען אַ שענע פּאָר יאָהר נאָך דער חתונה און אין עטליכע יאָהר נאָכ׳ן אַוועקפאָהרען איז ער אַראָבגעקומען און ווייב און קינדער צוגענומען.

האָט מען אָנגעהויבען ווענען איהם נסים און וואונדער צו דערצעהלען. ער איז נתעשר געוואָרען און האָט אייגענע מויערען. אַ האַלב שטאָדט האָט זיין אַדרעס געהאַט און צו איהם בריוועלעך געשריבען. עס האָבען טאַטעס וועגען קינדער געשריבען און דערמאָהנט איהם, אַז מען איז דאָך פון איין שטעדטעל און ס׳האָבען געשריבען יונגעלייט נאָך דער חתונה און דערצעהלט, אַז ס׳איז קיין חיונה פאַר קינדער נישטאָ.

—העלף אַרויס, יאָסעל...

אַזוי האָט ער געמאַכט אַ וועג!

דאָס איז שוין מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק געווען. ווייט איז שוין געווען די דאָזיגע אַמעריקאַ, אַז דאָס אויג האָט עס גאָרנישט געקאָנט פערכאַפּען—איבער שבעה ימים. נאָכ׳ן זייגערמאַכער׳ס זוהן האָבען זיך געלאָזען נאָר די בריה׳שע יונגעלייט.

ס׳איז אַוועק משה חיה׳טשעס, וועלכער איז שוין צוואַנציג שטעדט אויסענגעוועז; ס׳האָט זיך אַוועקגעלאָזען דער עלטערער יודעלע, דער שאַן־שפּיעלער, וועלכער האָט אַליין אויסגעקלערט צו מאַכען פון אַ זייגער אַ וואָקזאַל מיט וואַגאָנעס; ס׳איז געפאָהרען דער גבור ירוחם, ווען מען האָט איהם צו די יונים גערופען...

„לעטערס" האָבען אָנגעהויבען מיט דער פּאָסט אַראָבקומען—אַ מאָדנער לשון און אַ מאָדנעס שרייבען. דאָלאַרס זענען אין שטעדטעל אַריין צו ווייב און קינדער.

און אַ מאָדנעם כּח האָט די דאָזיגע אַמעריקאַ געהאַט. עמיץ ווער פלעגט זיך אַרויסקלויבען אין וועג, פלעגט מען זיך דאָך גוט אָנוויינען, צוזעגענען, איז דאָך אויף יענעם אַזאַ רחמנות געוועזן, ווייל אודאי נישט פון וואוילטאָג לאָזט ער זיך אַהינצו, ס'איז דאָך סכּנת־נפשות, געהט ער דאָך צום רב אַריין און דעם רב'ס האַרץ ווערט צעוואַרעמט און גערירט און אַ ברכה גיט ער דעם אידען, וואָס געהט זוכען ברויט פאַר ווייב און קינדער, און צוקושט זיך יענער מיט ווייב און קינדער און אידען שטעהען און קוקען, ווי אַזוי אַ איד מיט אַ באָרד קושט זיך פאַר אַלע־מען אין די אויגען מיט זיין ווייב.

אָבער אַז די יונגעלייט און שוין מיטעליאָהריגע אידען פלעגען פון בעגלייטען צוריק אין שטעדטעל זיך אומקעהרען, פלעגען זיי ריי־דען פון יענעם, וואָס איז אַוועק, דעם אייגענעם פערמעגען צעהלען און ס'האָט אַזוי געצויגען, צוגערעדט, געמאַניעט און געלאָקערט:

—מען דאַרף פאָהרען... מען דאַרף פאָהרען...

און ס'ציהט צום הילצערנעם וואָקזאַלכעל, דעם צוג אָבוואַרטען, וואָס זאָל אָברייסען און אַוועקשליידערן אין עק וועלט...

פישקע דער בעל-עגלה, וואָס האָט דריי בוידען געהאַט, האָט זיך אַ גוטע מערכה געמאַכט. ער האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן איבער'ן שטעד־טעל מיט'ן שוואַרצען בגד און אַ קאָלנער אָנגעטהון, שווערען און איי־דעמ'ס פלעגען שטיל, בחשאי צו איהם אין שטוב זיך אַריינכאַפּען. פישקע האָט שותּפות מיט אַלטער „גלעזערנע אויג" געמאַכט, זענען זיי ביידע מחותּנים מיט'ן אוריאַדניק געוואָרען און צוזאַמען אַ שנאַפּס גע־מאַכט. פישקע פלעגט צום באַהן אַרויסקומען און אָפּט פון שטעדטעל אַוועקפאָהרען און הנאה האָט ער געהאַט און זיך גרויס געהאַלטען, וואָס מען האָט זיין בעל-עגלה־נאָמען פערגעסען און איהם אָנגעהויבען רו־פען „דער אַגענט".

און פישקעס אויגעלעך זענען קלענער און לויפיגער געוואָרען און הינטער זיי, דאָרט אין מח איז אַלץ מעהרערעס אין סוד פערשלייערט געוואָרען, בעהאַלטען, פעררוקט, פערשטעלט און אַ טונקעלע חשיבות האָט דאָס פנים בעקומען.

און אַלע זענען אין זעלבען וועג געגאַנגען--קיין אַנגסטאָן, וואו דעם זייגערמאַכער׳ס זוהן האָט זיך בעזעצט.

II

—עס איז דאָרטען געווען אַ שרפה...—פלעגט עמיך־ווער דאָס אַרויסדערצעהלען, וואָס ער האָט בײַ זיך אין בריף געלעזען.

—אַ שרפה... — פלעגט מען דאָס אויפכאַפּען אין שטעדטעל און איבעררײַדען, דערשרעקען זיך, נאָכטראַכטען, באַרײַדען, ווי ס׳וואָלט האַרט נעבען זיך געוואָרען—מיט׳ן האַנד צו דערלאַנגען...

—„מען קלויבט בײַ אונז פּרעזידענט, ס׳לויפען פייער...״ פלעגט מען אַרײַנשרײַבען אין לעטער.

—פּרעזידענט...—פלעגט מען נאָכזאָגען אין שטעדטעל און די ווײַבער פלעגען צושאָקלען מיט׳ן קאָפּ, אָבזיפצען און אָרומשמועסען, ווי געניטע:

—שוואַך פּרנסה... מען קלויבט... ווי אַלעמאָל...

און וועגען דעם האָט מען גערעדט אויפ׳ן מאַרק, אין ביהמ״ד און בײַ זיך אין שטוב.

און דאָס שטעדטעל האָט אַוועקגעוואָרפען מאַכען די בערשטלעך און האַנדלען אויפ׳ן מאַרק און פאָהרען אין שטאָדט אַרײַן.—

אַפילו טויבקע, לייזער נגיד׳ס, איז אַוועק. שוין פיער יאָהר, ווי איהר ברוכ׳קע, מיט וועמען זי האָט אַ זומער־צײַט אַרומגעשפּאַצירט, איז אַוועק אַהינצו. האָט ער איהר פון דאָרטען אַ קאַרטע געשיקט, זי זאָל פאָהרען צו איהם, האָט איהר טאַטע, לייזער נגיד, ניט געלאָזען, זײַן טאָכטער זאָל פון איהם קיין אַמעריקאַ אַוועק צו ברוכ׳קען, דעם פּראַנצויזעל, ווי ער האָט איהם גערופען. האָט מען געוואַרט, ביז די קאַרטע איז אויסגעגאַנגען און ברוכ׳קע האָט איהר געשיקט נאָך איינע. אַנ׳אַנדערע און אין דער שטיל בריוועלעך געשריבען. איז זי ווידער אַ יאָהר אָבגעזעסען, ביז איהר אַליין האָט זיך שוין אויפגעהערט גלוסטען צו פאָהרען, נאָר אַז ברוכ׳קע האָט צום דריטען מאָל געשיקט אַ קאַרטע און געשריבען, אַז ער טהוט דאָס שוין צום לעצטען מאָל און זי איז שוין פאַר דער צײַט מיט 4 יאָהר עלטער געוואָרען, האָט זי פון איהר טאַטענס האַנד די קאַרטע אַרויסגעריסען און ער האָט שוין שפּעטער מסכים געווען צו שיקען זײַן טאָכטער אַהינצו.

—וואָס וועט זי אויסזיצען?...—האָט די מאַמע געפרעגט און גע־

פּאַקט דעם אויסשטייער און געשיקט צוזאַמען מיט דער טעפּערקעס טאָכטער.

און דער שמיעד, וואָס איז אויף דער גוי׳שער געסעל געזעסען, האָט אויפגעהערט צו קלאַפּען די פּערד אויף די פּיס, אַ פּאָר וואָכען זיך אַרומגעדרעהט־אַרומגעדרעהט, אַרומגעפּלאָנטערט, ביז ער איז גע־כאַפּט געוואָרען: זיך אויפגעהויבען און אַוועק...

און די ווייבער, וואָס זייערע מענער זענען נאָך דאָ געבליבען, פּלעגען זייער שכנ׳טע מקנא זיין:

—זי קען דאָס, זי מעג דאָס, זי איז דאָך אַן׳אַמעריקאַנערין...

און איבער׳ן שטעדטעל פּלעגען זיך אָנהויבען אַרומדרעהען געקו־מענע פון דאָרטען: מיט דאָרטיגע „העט", הויזען און שניפּסען. אַן׳אַנ־דער תנועה, אַ געזאַנג און לשון און אַנדערע נפשות.

איז אַראָבגעקומען מאָטעלע שמש, וואָס איז מיט אַ קאַליקע פוס אַוועק אַהינצו און איז מיט איהר צוריק גקומען. האָט מען איהם ביי דעם גרעבען פערנומען, דאָס געלד כּלה געוואָרען און מיט׳ן עטאַפּ גע־פיהרט, אין טורמעס זיך געוואַלגערט און אין דערהיים אַראָבגעקומען.

—מאָטעלע אַ טורעמניק...

איז געקומען די אַלטע פעשע צוריק פון די קינדער און זיך אָנדערצעהלט געשיכטעס, מויל און אויערען צום עפענען, מיט איהר באַגאַזש, וואָס איז פאָרגעקומען, מיט די שטעדט, וואָס זי איז אויסגע־געווען און מיט די טהועכצען, וואָס טהוט זיך דאָרטען...

צו די פריזיוועו און יום־טובים פלעגען זיך פון באַהן־געסעל ווייזען אַ פּאָר פרישע פּנים׳ער, געקומענע פון דאָרטען, וואָס מען האָט שוין באַלד זייערע נעמען פערגעסען.

און אין ביהמ״ד, אויפ׳ן געסעל פלעגען זיך אויפטרעפען צוזאַמען די געקימענע און אָנהויבען, מעשה־בריות, ריידען אויף זייער נייעם לשון און יונגע בחורימ׳לעך און אינגלעך פלעגען שטעהן פון נאָהנטען און חדוש׳ען זיך:

—ענגעליש... אַמעריקאַ־לשון...

און די געקומענע פלעגען זיך אומדרעהען, אומקריכען און צוריק זיך אַוועקשלעפען. דער אַראָבגעקומענער פלעגט מאָדנע אויסטערלישע מעשיות דערצעהלען, גליקען און וואונדער, אמת׳ע און אויסגעטראַכטע, וואָס פאַנגען דאָס האַרץ, פערפיהרען און ס׳גליסט זיך נאָך זיי.

—און פאַרוואָס ביזטו געקומען?

—די פליישען זעהר פעטע... פערשאַדט... פונדעסטוועגען איז קאָלאָמבוס—קאָלאָמבוס...

דערצעהלט מען, וואָס איז מיט דעם און מיט יענעם, ווי ס׳לעבט דאָרט גישע און וואָס עס טהוט אהרל׳עס איידעם, אַביסעלע רכילות און לשון הרע און מעשיות און געשיכטעס.

דאָס שטעדטעל טענה׳ט דאָס נאָך, רעדט איבער און גיט צו:

—אַמעריקאַ... אַמעריקאַ...

III

עס האָט אָנגעהויבען פוסט ווערען אין שטעדטעל. אין ביהמ״ד וועהט זיך, אַז ס׳איז לעדיגער, אפילו אויפ׳ן מזרח פוסטע „שטעדט".

גאַנצע משפחות זענען שוין אַרויסגעפאָהרען אויף מעהר נישט צו-ריק קומען. אפילו דעם רב׳ס, ר׳ שמואל-דוד׳ס, זוהן האָט זיך אַרומגע-דרעהט פריהער ביי די האָלץ, דערנאָך ביי׳ם מיהל און צום סוף— אויך אַוועק.

—נישט דאָס געמיינט,—האָט איהם זיין טאַטע, דער רב, געזאָגט,— נאָר,מסתמה, ווייל דער אויבערשטער דאָך אַזוי... פאָהר געזונטערהייד און זאָל ער דיר צושיקען פרנסה פאַר ווייב און קינדער... זיי זיך נישט מצער...

און אין שטעדטעל איז פון טאָג צו טאָג אומעטיגער געוואָרען.

וואו איז דער ערשטער מנין, אויף וועלכען די בעלי־מלאכות פלע־גען דאָס זיך אַזוי איילען? וואו איז דער פאַק־פערזעצטער טיש ביי׳ם שבת׳דיגען עין־יעקב?

לעדיג איז געוואָרען אין ביהמ״ד—קיין יונגסטאָן איז דאָס שטעד־טעל אַוועק. פישקע האָט איהר אַהין אַוועקגעפיהרט און איהם אַליין האָבען דאָרט צו זיך זיינע טעכטער אַוועקגענומען.

און אפילו דער אַלטער ר׳ שמואל דוד, דער רב, האָט שוין „לע־טערס" געקריגען און צעהן דאָלאַר פון זוהן—אַ מתנה אויף יר״ט.

און אומעטיג איז געוואָרען ביי׳ם רב אין שטוב: נישטאָ דער וואַרעמער שבת־צו־נאַכטיגער סאַמאָוואַר, נישטאַ קיין חתן אויף פעדהער, קיין אורח צו גאַסט.

שטיל, אומעטיג און מנוחה׳דיג אין די פיער חדרים׳לעך.

קומט אַריין דער אַלטער ר׳ יאָשע, רעדט פון זיינע קינדער און

אייניקלעך, וואָס זענען דאָרטען, און דער רב כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ וואָרט וועגען זיין אייגענעם זוהן.

—אין אונזערע צייטען, יונגעלייט—עס איז גאָר אַנדערש געווען... זאָגט אַרויס זיינס ר׳ יאָשע און דער רב ברומט צו:

—אַנדערש... אַנדערש...

און ביינאַכט ווערען גיך צוגעמאַכט די פענסטער און לאָדענס—ווייבער זענען אַליין אָדער אַנ׳אַלטע באָבע צי אַ זיידע איז אין שטוב. ביז נאָך צוועלף ברענט נאָר ביי׳ם רב דער פייער און ס׳כאַפּט זיך אַרויס אויף דער פינסטערער שוהל־געסעל:

—מעשה ברבי אליעזר...

און דערנאָך, אַ ניעדעריגער, אַנ׳אַלטער, קומט ער אַרויס אויפ׳ן בריקעל און קוקט אַריין אין זיין פוסט און פינסטער שטעדטעל.

III.

ר׳ שמואל דוד דער רב איז אַנ׳אַלמן געוואָרען. זיין אַלטע ליבע־רחל איז אַ חדש אין בעט געלעגען און דערנאָך אַוועק פון דער וועלט.

און אַז ער איז צוריק פון דער לויה געקומען צו זיך אין שטוב, האָט ער דאָרט נישט געהאַט, וואָס צו טאָן—קאַלט, אומעטיג און אַ עצבות.

איז ער שבעה געזעסען און עמיץ־ווער איז געקומען איהם מנחם־אבל זיין, עמיץ־ווער האָט אַ וואָרט געזאָגט און ווידער איז ער אַליין געזעסען.

און אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון שבעה און אויף דרויסען אַרויס, אין ביהמ״ד אַריין, אויפ׳ן שטעדטעל זיך פערקוקט, האָט זי איהם אויסגעזעהן נאָך מעהר פעפוסטעט און פערוואָרפען און פערלאָזען, פסוקים נאָר און מאַמרים האָבען זיך וועגען דעם געפלאָנטערט אין אַלטען מח.

דער זוהן פון דאָרט האָט זיך וועגען זיין מאַמען דערוואוסט, האָט ער אַ מאָדנעם בריף צו זיין טאַטען דעם רב, געשריבען. דער רב האָט דעם בריף געלייענט, איבערגעלייענט, נאָכאַמאָל איבערגעקוקט, אַרומגעטאַפּט און אַוועקגעלעגט:

—אַ שגעון...—האָט ער וועגען דעם געטראַכט.

און אַז ער האָט ביי דערנאַכט, ביי דער בלאַט גמרא, נאָכאַמאָל

דער בריף אַרויסגענומען און איהם פאַמעלעך דורכגעקוקט, האָט זיך דאָס אָנגעהויבען לעגען אויפ׳ן שכל.

—אפשר פאָהרען?..

און אַז דער אַלטער רב האָט זיך געלעגט שלאָפען, איז ער לאַנג נישט איינגעשלאָפען. עפּעס־וואָס האָט פון די אויגען אַרויסגעשיינט, ביז אין באָרד פערלאָפען און אין אַ שמייכעל זיך צוקנייטשט.

און פערטרויט האָט דאָס דער רב דעם אַלטען ר׳ יאָשען.

—אפשר אַמאָל צוזאַמען?..—האָט ר׳ יאָשע געזאָגט.

ער אויך... ער אויך...—האָבען די זקנים גערעדט, ווען זיי זענען אין ביהמ״ד געקומען און ס׳איז צום ערשטען מאָל געווען לעדיג דעם רב׳ס אָרט.

—ער מוז שוין זיין אויפ׳ן וואַסער...—האָט מען שפּעטער גערעדט אין ביהמ״ד.

און ס׳איז געוואָרען אומעטיגער אויפ׳ן נשמה. שטילער און פערטראַכטער איז דער אַלטער ר׳ יאָשע געוואָרען און ער האָט דאָס נישט געקאָנט פערגעסען:

—ער אויך... ער אויך...—האָט ער פאַר זיך גערעדט.

אַוועקגעוואָרפֿען.

I

דאָס ערשטע מאָל, אַז זי האָט דאָס בעמערקט, איז איהר נישט איינגעפֿאַלען, אַז דאָס זאָל זיין ניסקעס אַרבייט. זי האָט נאָר איינמאָל און נאָכאַמאָל דעם שופֿלאָד געעפֿענט, געהאַלטען איהם לאַנג אָפֿען, אַריינגעקוקט, אַ שאַר געטון אַהער, אַהין און צוריק איבער די שטיקלעך פֿערהאַרטעוועט, פֿערטריקענט ברויט און איבערגעצעהלט: איינס, צוויי, דריי, פֿיער... יאָ, ס'פֿעהלט, עס פֿעהלט אַ צעהנדליג אייער.

דאָס צווייטע מאָל, עס איז געווען אַ זונטאָג אין דערפֿריה, איז רישקע גלייך נאָך ניסקען אויפֿגעשטאַנען און געפֿונען איהם שטעהענדיג ביי'ם אָפֿענעם שופֿלאָד. ער איז געשטאַנען און בגנבה געלעגט אייער אין קעשענע אַריין. רישקע האָט אָנגעקוקט איהר מאַן, וואָס גנב'עט פֿון איהר אייער, און עס איז איהר אויסגעקומען פֿלא'דיג: צו וואָס, פֿאַר וועמען... ער האָט זיך די ערשטע מינוט פֿערלוירען: געכאַפּט ביים האַנד, נאָר דערנאָך שוין האָט ער אָהן זינען געלעגט אין קעשענע נאָך נאָך און נאָך.

—ווילסט אַ פֿאָר אייער, וועל איך פֿאַר דיר דאָ אָבקאָכען,—האָט רישקע געזאָגט, נישט פֿערשטעהענדיג, נאָך וואָס נעהמט דאָס צו איהר מאַן די אייער פֿון שופֿלאָד.

—מ'וועט שוין קאָכען!.. אָהן דיר!..—האָט ער איהר גראָב געענטפֿערט און איז אַוועקגעגאַנגען.

און דאָס איז רישקען זעהר נישט צום האַרצען געווען. אָנפֿאַנגס האָט זי געמיינט, אַז ער האָט זיך פֿערשפּיעלט ווידער, ווי אַמאָל, מיט

זיין חברה אין קאָרטען און דעריבער קומט ער דאָס אַזוי שפּעט אַראָב. אַ דאגה האָט זי—סיי־ווי־סיי וועט ניסקע, מסתמא, נישט פערשפּיעלען. איצט זעהט דאָס אויס עפּעס אַנדערש. ערגעץ־וואו צו עמיצען עפּעס טראָגט ער די אייער אַוועק. צו וועמען קאָן ער דאָס טראָגען?

אייגענטליך האָט שוין רישקע געהאַט מיט איהם אַ פערלויפעניש פּאַר צוויי יאָהר צוריק. די וויבּעל פון אַנושעס הויף האָט איהם צו זיך אין שטוב אַריינגעשלעפּט און די ווייבער האָבּען שוין דעמאָלסט איהר געקרענקט, וואָס זי האָט מיט איהר ניסקען אַזוי שטיל די חתונה געמאַכט, אַז זי האָט אפילו גאָרנישט געגען איהם צו ווייזען. ער האָט אַ גאַנצען ווינטער אויף חיונה נישט געגעבּען, אפילו פּערדיענט האָט ער צעהן־עלף רובּל אַ וואָך, נאָר זי האָט געקענט אויסקומען אָהן איהם. זי האָט איינגעצויגען בּיי זיך אין שטוב אַ פּרנסה׳לע: אַ פלעשעל בּיער פערקויפט. זאָל עס זיין נאָכאַמאָל די געשיכטע?

האָט זיך די קליין-געוואוקסיגע, שוואַרצע, שוין עלטערע רישקע פערטראַכט.

אויף מאָרגען אין אָוועגד האָט זי נישט געלאָזען איהר ניסקען אַוועקגעהן, נאָר אַז זי האָט אָנגעהויבּען אַנ׳איבּעריג וואָרט צום זאָגען, האָט ער זיך צום לאָמפּ אַ כאַפּ געטאָן און געוואָלט איהם צוברעכען און פאַר׳ן לאָמפּ האָט מען בּעצאָהלט פופצעהן רובּל.

איז ער אַוועקגעגאַנגען.

רישקע האָט אויף זיך אַ פאַטשיילע אַרויפגעכאַפּט און פון שטוב אַרויסגעלאָפען נאָך איהם. זי איז איהם נאָכגעגאַנגען פון דערווייטענס און שטייפער זיך איינגעדעקט אין איהר טוך. ס׳האָט איהר האַרץ וואָס מעהר געשראָקען זיך, אַז זי האָט געזעהן דעם וועג זיינעם: אויפ׳ן וועג צום פיש־מאַרק, נעהנטער צו אַנושעס הויף... עס האָט איהר אינעווייניג עפּעס אַ שטויס געטאָן, די בּלוט איז אין פּנים אָנגעלאָפען, אַז זי האָט איהם געזעהן אַרויפגעהענדיג אויפ׳ן בּעקאַנטען בּרייטען אַנושעס הויף.

זי איז בּיים טויער געבּליבּען שטעהן איינע אַליין, זיך נישט געריהרט און אָבּגעוואַרט, ווי ס׳וואָלט דאַרפען עפּעס בּאַלד זיין. אַנעלטערער איד איז פון הויף אַרויסגעקומען, איז איהם חדוש׳דיג געווען דאָס פרעמד ווייבּעל, וואָס שטעהט דאָ אודאי צוליעב עפּעס.

—איהר דאַרפט דאָ עמיצען? האָט ער בּיי איהר געפרעגט.

—ניין...—האָט זי איהם געענטפערט.

און זי האָט זיך באַלד אומגעקעהרט און אַוועק צו זיך אין שטוב, צו די פּאָר קינדערלעך, וואָס ניסקע האָט זיי אַזוי ליעב געהאַט און פונטען צוקערקעס געבראַכט.

—די געלע ווייבעל... די געלע...—האָט זיך ביי רישקען אין קאָפּ געטומעלט.

אין שטוב האָט מען שוין אויף צוויי פלעשלעך ביער געוואַרט.

II.

און ניסקע איז דאָרט געגאַנגען, ווייל די געלע זלאַטע איז גאָר אַנ'אַנדער ווייבעל, ווי זיין רישקע, געווען. ביי דער געלער זלאַטען אין שטוב איז גוט געווען. די געלע זלאַטקע האָט מאַכּלים'לעך געמאַכט, געלאָזען זיך אַרומנעהמען, אויפ'ן שויס זיך געזעצט—האָט ער זיין פער־דיענסט אַהינצו געטראָגען.

און חברה האָט פערשלעפּט אַהינצו. חברה פלעגט זיך דאָרט אַריינכאַפּען נאָך אַ שנאַפּס, עפּעס איבערבייסען און פּאָר אַלעמען אין די אויגען זיך קנייפּען מיט שפרה'טשקען. שפרה'טשקע איז געווען אַ סך אינגער פון זלאַטקען. ניסקע האָט איהר נאָך געקענט, ווען זי האָט פּאָר צוויי יאָהר צוריק געדיענט אין יענער גאַס, וואו ער איז אין די לאַ־גערען אַ גאַנצען טאָג און פּאַקט די פּעקלעך און בינדט די שטריק. צוליעב שפרה'טשקען האָט חברה אַהינצו געצויגען. ניסקע איז אָבער חבר מיט דער געלער ווייבעל געווען און די געלע זלאַטע האָט זיך צו איהם געטוליעט, זיינע הענד געהאַלטען, געלאָזען זיך אַרומנעהמען און זיך אומוואַרפען אויפ'ן סאָפקע. אויף זיין ווייב האָט זי געריד־ט און מיט די אויגעלעך צוגעזאָגט.

אַז ניסקע פלעגט פאַרנאַכט אַוועקגעהן פון גאַס, דעם טאָג מיט חברה געפּאַקט אין די לאַגערען און פערדיענט אַ צוויי קערבלעך, פלעגט ער צו זלאַטקען געהן און אַ גאַנצען רובל אַוועקגעבען, זי זאָל מאַכען, וואָס צום עסען. עס פלעגט ווערען אַ זייגער צוועלף און ער פלעגט וועלען אין שטוב אַוועקגעהן, האָט איהם זלאַטקע צוגעהאַלטען:

—אין דר'ערד האָב איהר, דיין שוואַרצע מויז... האָב קיין מורא נישט.

און די געלע זלאַטקע, וואָס האָט עפּעס אַמאָל געהאַט אַ מאַן און ער האָט זי אַוועקגעוואָרפען, האָט זיך אין ניסקען איינגעפּסען,

אויף איהרע עלטערע קניה, וואָס זענען בעדעקט מיט אַ צושמאָדערט קליידעל, דעם ניסקען מיט'ן בלאָנדען בערדעל האַלטען, פלעגט זיך איהר'ס אַ פוס פערקאַשערען, די שוואַרצע זאָק, וואָס איז פערבונדען מיט אַ בלוי בענדעל, פלעגט זיך אַראָבלאָזען און איינוויקלען אין אַ בויגעל.

—גוט, ניסעלע?..

און ניסקע האָט הנאה געהאַט, געבּרומט אַ וואָרט, דער זלאַטען אַרומגענומען און ביי איהר געבליעבען נעכטיגען.

צומאָל אָבער אויף מאָרגען, צי זייענדיג אין אַ לאַגער, צי שטע-הענדיג אויף דרויסען, פלעגט ער זיך דערמאָהנען אָן זיינע ברעקלעך, וואָס אין שטוב, און ס'פלעגט איהם פערדריסען דער גאַנצער עסק. קיין לאַנגע טראַכטעניש האָט ניסקע נישט געהאַט, נאָר גלאַט פאַר זיך אַליין אַרויסזאָגען:

—אַ נכפה אין זייערע צורות!...

און ער פלעגט פאַרגאַכט קויפען אַ האַלב פונט צוקערקעס און אַוועקטראָגען אין שטוב צו די דריי קינדער:

—אַ בער האָט גע'פגר'ט אין וואַלד, דער טייערער תנא ברא איז אַראָבגעקומען!..—האָט איהם רישקע מיט אַזאַ לשון מקבל פנים געווען.

—וויל איך אַזוי, שוואַרצע מויז!..—פלעגט ער איהר נאָכזאָגען זלאַטקעס ווערטער.—איך האַק דיר די צייהן אַרויס!..

און ער פלעגט אַוועקגעהן.

—געה און צוברעך די פיס!..—פלעגט זיך רישקע צושרייען און וויסען אין האַרצען, אַז צו אַנושעס הויף איז איהר מאַן אַוועק און דער גאַל האָט געפרעסען אין זיך.

III

ניסקע האָט זיך אַזוי אַריינגעפלאָנטערט און אַזוי אַריינגעדרעהט, אַז ער איז געבליעבען שטעהן—נישט אַהער, נישט אַהין.

שוין צופיעל איז דאָס געווען פאַר ניסקען.

די געלע זלאַטע האָט געוואָלט מיט איהם חתונה האָבען. געערדט האָט זי ווענען דעם אויף אַנ'אמת. חברה האָט אויך געוואוסט, אַז די געלע ווייבעל טראָגט שוין פון איהם.

—נאַ דיר אַ „חופה"!..—האָט ניסקע אין פערלאָרענהייט זיך געוויצעלט אויף זיין אייגענעם חשבון.

ביי חברה איז עס גלאַט געווען אַנ'המצאה און זיי האָבען נאָך

דער געלער זלאַטען געהאָלפען און הנאה געהאַט ניסקען אַריינצופּלעכ־טען, אַריינוויקלען, ביז ער האָט שוין אַליין נישט געוואוסט, וואָס ער טוט און וואָס מען טוט מיט איהם.

איז אָבער אָנגעשטאַנען אהר׳קעס אָנריידעניץ. אהר׳קע האָט גע־דאַרפט געהן היינטיג׳ס יאָהר צו די סאָלדאַטען און ער האָט חשק גע־האַט צו געהן אין אַמעריקאַ. ער האָט אָבער אויף דער הוצאה נישט געהאַט.

—איך׳ל צום „ליאָס״ נישט געהן און די שלאָג מיטביידען כפּרות—מיר׳ן געהן צוזאַמען אין אַמעריקאַ...—האָט אהר׳קע אָנגערעדט ניסקען.

און ניסקען האָט זיך דאָס זעהר געלעגט אויפ׳ן שכל און ער האָט אהר׳קען געענטפערט:

—אויף מיינע נאמנות...

רישקע האָט נישט פערשטאַנען, וואָס טוט זיך דאָס מיט איהר ניסקען. זיינע זעקס קלעצער, וואָס ער האָט געהאַט אויפ׳ן אויף, האָט ער צו זיין שווער, צו רישקעס טאַטען אַוועקגעפיהרט און אַוועקגעגעבען:

—נעהמט עס צו, שווער, נעהמט אַזוי...

אויפ׳ן בוידעם האָט ער צעהן פּאָר טויבען געהאַט, האָט ער זיי אַרויסגעלאָזען און געלאָזען צוקריכען ווערען:

—צו אַל׳די שוואַרץ יאָהר...

און אין אַ פּאָר טעג אַרום, קיינעם נישט דערצעהלט קיין וואָרט, בסוד, זענען זיי ביידע אַוועק—אהר׳קע מיט ניסקען.

צוויי וואָכען האָבען זיי זיך אומגעשלעפּט איבער׳ן גרענעץ: מען האָט נישט געקענט אַריבער. אין דער ווייטער פּוילישער שטעדטעל האָט מען זיי פערפיהרט און צו גוים אַוועקגעגעבען, פון גוי צו גוי. איז מען דריי מאָל גאַנצע נעכט צופוס געגאַנגען און צוריק זיך אומ־געקעהרט. זאַלבע אַכט זענען זיי געגאַנגען, זענען צווישען איך צוויי אַלטע אידען מיט לאַנגע בערד געווען און אַ ווייבעל מיט אַ יאָהריגס קינד אויפ׳ן האַנד. אין צוויי וועלדער איז מען צוויי נעכט געווען און אַ גוי האָט פּאָראויס געפיהרט און געהייסען שווייגען און דאָס יאָהריג קינד האָט נאָר געוויינט ביי דער מאַמען אויפ׳ן האַנד.

פון אָנפאַנג נאַכט ביז דריי אַ זייגער איז מען אויפ׳ן מיטען פעלד אין אַ שווער גזעסען, און דערנאָך האָט מען מיט׳ן טייך געהיי־כען געהן ביז׳ן וואַסער־מיהל און פון וואַסער־מיהל גלייך מיט׳ן וועגעל.

ז
ענען זיי זאַלבע אַכט, אָהן קיינעם, אָהן אַ ווייזער און אַ פיהרער געגאַנגען. די צוויי אַלטע אידען מיט די לאַנגע בערד און דאָס ווייבעל מיט׳ן קינד האָט מען צוגענומען, צושיקט זיי מיט עטאַפּען איבער טורמעס, און ניסקע, אהר׳קע און נאָך עמיך מיט זיי האָבען זיך געלאָזט לויפען אין הוילע סכנות און זענען אויף יענער זייט, מעשה נס, געקומען.

—אהר׳קע, גוט?..—האָט ניסקע פון זיך אַליין חזק געמאַכט.

חברה אין דערהיים האָט זיך באַלד דערוואוסט, אַז זיי ביידע זענען אַוועק מיט לייזער דעם אַגענט קיין אַמעריקאַ און געקייכט, חזק געמאַכט פון ביידען: פון רישקען און פון דער מעוברת׳ער זלאַטען, וועלכע איז עפּעס נאָך עלטער און געלער געוואָרען.

„גרוסען" •

וועגען יענע האָב איך געלייענט אין די ביכער, וועגען די, וואָס וואַנדערען אין די יאַכטעס צווישען די ימים, וועגען די, וואָס וואַנדערען צווישען די בערג, וואָס גרייכען אין די הימלען אַריין, וועגען די, וואָס וואַנדערען צווישען די פעלדער און דערפער צו שטילען די שטורמווינדטען, וואָס אין זייערע בריסטען...

די זענען מיר ווייט און פרעמד. איך בין אַ יודיש אַרבייטס־קינד, צווישען ווערקשטאַטען האָב איך זיך געהאָדעוועט. הערען אַנדערע אין זייערע חלומות בעטהאָווענ׳ען, חלומ׳ט זיך וועמען אַ מאַזורקע, טרוימט ווער וועגען סערענאַדעס און גיטאַרע־מוזיק, עמיץ אַנדערש וועגען „ווניז פאָ מאַטושקע פאָ וואָלגע"... און מיר קלינגט אין אויער דער „זיי געזונד", דער „פאָהר געזונד", די מאַמעס טרעהרען און דער סקריפ פון די רעדער, וועלכער הערט זיך פון דערווייטענס.

מיט פופצעהן יאָהר צוריק האָט מיין באָבע געזאָגט:

—דאַנקען גאָט... פון אונזער משפחה איז נאָך קיינער קיין אַמעריקאַ גישט אַוועק.

נאַרישע, וואוילע באָבע. אין ספר פון דיין משפחה שטעהט געשריבען, אַז פינף לענדער האָט די משפחה דורכגעמאַכט ביז דעם ליטווישען לאַנד, די באָבע האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז די פשוט׳ע האַלבבאָרוויסע „יונגען" פון אונזער אָרימען שטעדטעל, די קנאַפּע לומדים און אָרימע־לייט וועלען דאָס שאַפען דאָס גרויסע יודישע אַמעריקע...

און איצטער האָב איך שוין נאָך אַנ׳הפסקה פון פיער יאָהר דעם „לעטער" בעקומען.

—מיר אַרבייטען אין שאַפ*) און אונז איז אָל־רייט**)...

*) פאַבריק, **) גוט.

קיין פּערז פון דער שענסטער סערענאַדע, געשפּילט אויף דער גיטאַרע אונטער׳ן פענסטער פון דער האַרציגסטער געליבטער, האָט נישט געקלונגען אַזוי זיס, ווי די ווערטער פון מיין ברודער׳ס „לעטער״:

—איך אַרבּייט אין „שאַפּ״... קום צו פאָהרען...

און איצט חלומ׳ט זיך מיר אַ שיף אויף מיטען ים, אויף וועלכען עס פאָהרען איך מיט מיין קינד.

איינמאָל נור אין מיין לעבען בין איך געזעסען אויף דערדאָזי־גער עמיגראַנטען־שיף, וועלכע האָט געאַנקערט אין דעם באַלטישען ים, ביי דעם ליבאַווער האַפען, אין דעם שיף, וואָס האָט געהאַט צוויי טויזענד יודישע וואַנדערער, וועלכע זענען געקומען פון אַלע עקען לאַנד, כּדי זיך צו דערשלאָגען אין שאַפּ פון ניו־יאָרק, באַלטימאָרע, באָסטון און טשיקאַגע...

און שוין. דו ווערסט דאָס שוין פון דיין נשמה נישט אַרויסזעצען דאָסדאָזיגע צאַפּעלדיגע, וואַרימע און לעבעדיגע שטיק געשיכטע, וועל־כעס איז פעסט, ווי גראַניט, און אייביג, ווי דער גרויסער ים, אין וועלכען די שיף איז געזעסען...

און איצט, אין גרויסען האַרמידער פון דער וועלט, ווען דער גרעסטער שטורמווינד בושעוועט אין האַרצען, ווען פון פלאַמיגסטען פייער האָט זיך אויסגעברענט דיין הייליגער בעגעהר נאָך אַ נייער וועלט, נאָר דו זיצסט אין דער אייגענער יודישער גאַס און קאָנסט משוגע ווערען פון מאַנגעל אין לעבען, עס קעהרט דער שטורמווינד ביי דיר אינעווייניג און די בלייבסט שטעהן אין דער בלאָטע, דאַן קומט דער חלום:

—„אַ טיקעט*)... און פאָהרען איבער ימים...״

צעהן זענען מיר געזעסען. אַלע צעהן זענען מיר אָנזאָגער פון דער נאָהנטער רעוואָלוציע פון דער וועלט, אָנזאָגער מיט׳ן גאַנצען פלאַם פון אונזער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער נשמה. און צווישען אַלע בעסטע פון אונזערע האָפענונגען איז געווען אויך די:

—די גרענעצען וועט מען נישט פערמאַכען.

מיין חבר רופט מען בערל. צוואַנציג יאָהר איז ער שוין אַ

---

*) שיפסקאַרטע.

יודישער אַרבייטער און אַכצעהן יאָהר איז ער שוין אַ סאָציאַליסט און ער איז אַ פיהרער פון זעקס הונדערט יודישע אַרבייטער. זיין האַר־ציגסטער חלום איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע...

—וועגען וואָס רעדט מען ביי זיי אין „זוויאָנזעק״ *)?..—פרעגט ער ביימיר.

וואָרום ביי איהם אין פעראיין האָט זיך דער גאַנצער פעראיין צורעדט וועגען אַמעריקאַ. עס האָבען זיך אין די קעשענעס בעוויזען די אַלטע, האַלב־פערגעלטע אַדרעסען: ניו־יאָרק־סיטי, מעדיסאָן־סטריט, ברוקלין מאָנטראָאוז עווענין, פעטרעסאָן 4־טע סטריט, סאָלעם־מאַאַס ברידזש־סטריט...

מיין חבר בערל האָט מורא צו שרייבען צו זיין שוועסטער. ער האָט מורא, טאָמער שיקט זי איהם אַ שיפס־קאַרטע און דעמאָלט וועט ער נישט ביישטעהן, דעמאָלט פאָהרט ער. און ער וואָלט דאָך אַזוי וועלען נאָך זיין דאָ און זעהן מיט וואָס דאָ וועט זיך אויסלאָזען.—

עס איז דאָך פאַר בערלען נישט קיין קלייניגקייט: אַכטצעהן יאָהר סאָציאַליזם און דריי יאָהר סאָציאַלע רעוואָלוציע..

און אַ מאָדנע זאַך איז געווען היינטיגע וואָך ביי איהם אין פעראַוואַלטונג. אָנגעהויבען צו רעדען האָט מען וועגען שטרייק, וועלכער ציהט זיך שוין דריי וואָכען, און געאיילט האָט מען זיך, ווייל מען האָט קיין צייט נישט געהאַט. האָט עמיץ צופעליג די מעשה פון זיין אַמעריקאַנער בריף דערצעהלט. פון בריף איז מען צו די קרובים אַריבער, פון די קרובים צו די שטעדט, צו די טיקעטס, צו די שיפען, צו די „שאַפען״, צו די „ברענטשען״, צו די אַרבייטער־רינגען...

האָט מען ביז שפעט אין דער נאַכט אַריינגעשמועס און מיין חבר בערעל האָט גאָר אָן אַלעמען פערגעסען און האָט זיך אָבגערופען:

—מיר פאָהרען קיין אַמעריקאַ...

און ער האָט נישט אויסגעהאַלטען. ער האָט צו זיין שוועסטער קיין פיטסבורג, וואָס וואוינט אויף דער לאָקוסט סטריט, אַ בריף געשריבען:

—שוועסטער, חנה, וואָס מאַכסטו? איך בין געזונד און טו מיין זאַך, ווי אַמאָל. דער צייט איז נאָהנט... אויב דו קענסט און ווילסט, אָט שיק מיר אַ שיפס־קאַרטע...״

*) פעראיין.

עס איז אָנגעקומען אַ רעקעל מיט אַ פּאָר הויזען. אמת, זעהר גשמיות׳דיגע זאַכען, נאָר אָבער איין קליינigkeit: פון אַמעריקאַנער שטאָף, אַמעריקאַנער שניט און אַמעריקאַנער פאַסאָן.

אַ שעה בין איך אָבגעשטאַנען אין אַמעריקאַנער קליידער־שפּייכלער. דאָס האָבען אונזערע ברידער די יענקעס אַראָבגעוואָרפען פון זיך די אַמעריקאַנער וועסטען און צו אונז געשיקט. ווער ס׳האָט אַוועקגעשענקט דעם אָרימען קרוב און ווער ס׳האָט זיין וואַרימען גרוס איבער׳ן ים געוואָרפען. אַ ים מיט הויזענס, רעקלעך, קליידלעך, גאַרטלען—דאָס לעבעדיגע ניו־יאָרק...

דער באַרג מיט די פערשידענאַרטיגע אַמעריקאַנער „העט״. איך טו אָן די „העט״, אויף מיר, דעם אַמעריקאַנער רעקל, דעם שלייף— איך בין שוין אויס גרינער...

דער עולם טוט זיך אָן אין די אַמעריקאַנער מלבושים און מ׳רעדט שוין צווישען זיך „יענקיש״:

—וואָס מאַכסטו, באָי?...*)

—גוד באַי**), יענקי...

—גיב מיר די „העט״, לאַנדסמאַן...

און ביי דעם זעלביגען חבר אין פאַבריק איז געווען די מעשה. עס איז אין מיטען פון היציגען וכוח געווען: וואָס וועט אַצינד זיין נאָכ׳ן אונטערגעשריבענעם שלום?...

נאָר אין פאַבריק איז אַריין אָנגעטון פון קאָפּ ביז די פיס אין די אַמעריקאַנער מלבושים, אפילו אין די שיך מיט די ברייטע שפּיצען דער אַלטער ווינצענטי...

—פאַן ווינצענטי פון אַמעריקא!..—האָט דער עולם זיך געפרעהט.

און ס׳איז נאָך רוישיגער געוואָרען, ווען אויפ׳ן רעקעל האָט מען געפונען דעם צוגענעהטען אויפשריפט מיט׳ן יודישען כתב:

„פון מאיר טעלזער פון טשיקאַגע...״

ווינצענטי איז געגאַנגען אויסגעפוצט אין די מלבושים פון מאיר טעלזער פון טשיקאַגע, וועלכע האָבען אין פאַבריק אויפגעוועקט אַזוי פיל האָפנונגען:

—חברה, מ׳וועט נאָך פאָהרען אַהינצו, קיין אַמעריקא!..

בערל איז נישט קיין ליגנער און ער דערצעהלט מיר, אַז שפּעטער

---

*) בחור, **) זיי געזונד.

האָט דער וועב־שטול געקלאַפּט פּונקט ווי די רעדער פון באַהן, און ווען פאַרנאַכט, ס'האָט די פאַבריק געפייפט, האָט דער אַלטער סאָציאַליסט, דער ליבער בערל, געשריען:

—חברים, גיכער, די שיף פאָהרט אַוועק!..

דריי „אָגאָנקעס" ציהען זיך אין דער לענג. ווייבער, מענער, בחורים, יונגע מיידלעך—אַ פּאָר הונדערט מענשען. ביי צוויי פענסטערלעך רעגיסטרירט מען אויף בקשות, גרוסען נאָך אַמעריקא. מען שטופּט זיך, מ'שטויסט זיך, מ'וויל צוקומען וואָס פריהער.

—מיסטער מאָריס שטערלינג... ברוקלין... שיקען שיפס-קאַרטעס...

שטעהט אַ יונג מיידעל:

—מיסטער יאַקאָב דוואָרקאָוויטש, ניו-יאָרק, עסעקס סטריט.

בעט זיך אַ יונגערמאַן:

—צוויי שיפס-קאַרטען פאַרביידע ברידער... אין בופאַלאָ...

און אַ פּאָר ווייבער מיט אַמאָל:

—וואָס גיכער... וואָס גיכער... געלד און קאַרטען...

ניין הונדערט פערזאָן האָבען זיך פאַר דעם טאָג רעגיסטרירט, אַכט הונדערט בעטען שיפס־קאַרטעס:

—שיק, וואָס גיכער...

דערמאָהן איך זיך, אַז דאָס איז געווען דעם אַכצעהנטען פון יולי 1914. פון עמיגראַציאָנס־ביוראָ האָב איך זיך געלאָזען צום באַהן מיט פערציג עמיגראַנטען, נאָר עס איז שוין געווען שפּעט—די גרענעץ איז שוין געווען געשפּאַרט. זענען מיר צוריק טריבע און דערשלאָגענע מיט די פּעקלעך אַהיים געגאַנגען. איינע האָט זיך איפּ'ן מיטען וועג אויף איהר פּעקעל געזעצט און געוויינט.

—נחמה שקאָלניק...—האָט מען זי גערופען.

אַ יונג ווייבעל מיט שוואַרצע האָר, וואָס האָט צוויי קינדער און פאָהרט צו איהר מאַן קיין באַלטימאָרע.

און וואונדערליך: היינט האָב איך זי ווידער געזעהן, ווידער נחמה שקאָלניק, נאָר שוין נישט מיט שוואַרצע האָר און שוין נישט דאָס זעלבע ווייבעל, נאָר זי בעט דאָסזעלבע:

—אַהין... אַהין...

אַכט הונדערט עמיגראַנטען פאַר איין טאָג—אַ שפּריץ פון דער מענשען־כוואַליע, וועלכע קויקעלט זיך צו נייע ברעגעס, צום נייעם לעבען...

פון די בלומען האָב איך ליעב די נאַרציזען, וועלכע עס רופט מיין ליעבער דיכטער די „אויפגעטויכטע האָפנונגען״, און פון די וואַנדערער האָב איך ליעב די יוגענד.

שטעה איךביים פּאָסט־קעסטעל און קוק מיך צו צו די יונגע, וועלכע טראָגען די בריף צום פּאָסט־קעסטעל—די בריף קיין אַמעריקא.

—ברודער, נעהם מיך אַראָב...

—שוועסטער, ברענג מיך צו דיר...

און עס צוטראָגען זיך פרישע טרוימען אויף דעם מינסקער געסעל, אויף די אָרימע פּיאַסקעס און דערשלאָגענע סלאָבאָדע. שטורמווינדטען בושעווען אין בוזעם און—אַ האַרציגער „זייט געזונד״, אַ סקריפּען פון וואָגען און איבער'ן ים טראָגען זיך נייע שיפען און אין זיי קויקלען זיך איבער אונזערע אייביגע מענשען־כוואַליעס צו שאַפען נייע לעבען, נייעם קאַמף און—נייעם טרוים...

נאָר דאָס איז שוין אַ ביסעל צוקונפט־מוזיק.